STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06142

GUTFRILING

Sarah Barkan-Silverman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סאָרע באָרקאַן

גוטפרילינג

לידער ◆ באַלאַדן
און מייסעס

נויאָרק, 1936

ציכנונגען — יהודיס באַרקאַן־מילער

בילד געצייכנט פון מאָריס י. קעלעם

Copyright 1936
by
SARAH BARKAN–SILVERMAN
MAPLEWOOD, N. J.

פאַרלאַג „סיגנאַל" באַם „פּראָלעטפען"
נויאָרק

PRINTED IN U.S.A.

POSY-SHOULSON PRESS, 19 W. 21st ST., NEW YORK. 234

סאָרע באַרקאַן־זילבערמאַן

מיין פאָטער
שלום בר כהן
צום אָנדענקען

מיין האַרציקן דאַנק צום דיכטער

כאַווער ל. מילער

פאַר העלפן מיר צוזאַמענשטעלן מיין בוך.

סאָרע באַרקאַן־זילבערמאַן

פון פרילינג ביז ווינטער

גוטפרילינג

שויבן געפוצטע, פאַרהענגלעך ווייס.
אַ ווינטל קומט אָנזאָגן פרייליכע נייס —
אַז אויס מיטן ווינטער, מיט שניי און מיט פרעסט,
פייגעלעך זינגען אַרויס פון אַ נעסט.

בוימער און בוימעלעך גלייכן זיך אויס.
פון ערד שטעקט אַ בלימל איר נעזל אַרויס.
כוואַליעס אַף טייכן, זיי טאַנצן אַ וואַלץ.
טאָג שפרייט אַ זוניקן טיול איבער אַלץ.

גיי איך אַרויס אַף אַ פרילינג־שפּאַציר.
יעדן באַגריס איך, און יעדער גריסט מיר.
אַ ווינטל כאַפּט צו אונדזער יעטוועדן וואָרט.
עס שמעקט פון דער ערד, ווי פון פרישינקן טאָרט.

אױפֿן גרינעם גראָז

אַרום אַ קלײן שטיבעלע,
אױפֿן גרינעם גראָז,
בליען רױטע בלימעלעך ;
טוט אַ װינט אַ בלאָז —

כײנדלט זיך אַ בלימל
פֿאַר דעם בלױען הימל,
שמײכלט צו דער הימל —
צו דעם גרינעם גראָז !

פֿיטערט זיך אַ ציגעלע
אױפֿן גרינעם גראָז,
שפּרינגט אַרום דאָס ציגעלע,
שפּרינגט איר נאָך אַ האָז.

שפּרינגען האָז און ציגעלע,
פֿליט זײ נאָך אַ פֿליגעלע,
שפּילט מען זיך אין כאַפּעניש,
אױפֿן גרינעם גראָז !

קומען קלײנע קינדערלעך
אױפֿן גרינעם גראָז,
בליט אַן עפּל-בױמעלע ;
טוט דער װינט אַ בלאָז —

פֿאַלן רױטע עפּעלעך
די קינדער אױף די קעפּעלעך ;
און פֿון די שײנע קעפּעלעך —
אױפֿן גרינעם גראָז !

זומער-לעב

אינגלעך און מיידלעך,
גיכער קומט אין טייך!
אין דעם קלאָרן טייכעלע
זיינען אַלע גלייך.
אַט-אָ ביסטו שוין אַ נאַסער,
נאַדיר נאָך אַ הויפן וואַסער —
פליוסק!

שווימען מיר ווי פישעלעך —
אי—אַי—אַי—ווי גוט!
ניט גרויס געננוג דער טייך פאַר אונדז;
אַ טאָג איז איין מינוט.
האָבן מיר די היים פאַרגעסן —
וועמען אַרט עס פאַרן עסן!
פליוסק!

מאָטל ווי אַ גרויסער העכט
שווימט זיך ווייט-ווייט-ווייט,
שווימט אים נאָך פריידעלע
און שווימט שוין באַ זיין זייט;
כאַפּט מיך מינקע באַ מיין צאָפּ,
טונקט אין וואַסער אָפּ מיין קאָפּ —
פליוסק!

בלומען-טאַנץ

טאַנצן בלומען אַפן גראָז —
טונצל-טענצל, טונצל טאָז!
אַלערליי קאָלירטע בלומען,
אין אַ ראָד אַרומגענומען.

קומט אָן אַ ווינטעלע פון וואו —
טונצל-טענצל, טענצל צו!
דרייט זיך מיט אַ בלימל אויס
און דרייט זיך פון דעם טאַנץ אַרויס.

טונצל-טענצל, טענצל צייג
זיצט אַ פויגל אָף אַ צווייג,
ווי אַ קלעזמער טוט ער שפילן
פאַר די בלומען די קאַדרילן!

אַ גאָרטן

שענער פון בלוט-רויטן בלום,
שענער פון זילבערנעם טייך,—
שענער און רייכער, ווי רייך איז דער גאָרטן —
מיט בולבעס, מיט מערן, מיט קרויט,
וואָס מאַכן קינדערשע בעקעלעך רויט.

שענער פון זילבערנעם טוי
איז אַ בעבל דאָרט אונטערן בלאַט,
און אַ קוקורוזע ווי אַ הויכער סאַלדאַט —
אין אַ גאָרטן.
שענער ווי זומער אַ נאַכט
איז דער בוריק אין זיין פורפורנעם פראַכט.

נאָר שענער פון אַלץ איז דאָס קרויט
אין גרינער און זיידענער הויט,
וואָס וועט ווערן אַ באָרשטש
אַן אַנטיק,
פאַר מיין זון ווען ער קומט
פון פאַבריק.

אין אַ ווייסער נאַכט

איך האָב אַ גאָרטן, וואַקסן דאָרטן
גרינסן אַלערליי —
בולבעס, מערן, קרויט און קאָרן,
אַלץ וואָס איך פאַרזיי.

פון בולבעס מאַך איך בולבע־קוגל,
צימעס פון די מערן,
נאָר וואָס איך וויל אייך דאָ דערציילן
וועט איר טאַקע הערן.

איין זומער־נאַכט, איך זיץ אַזוי
באַם פענצטער און איך דרעמל,
שמייכלט צו מיר די לעוואָנע,
באַזילבערט שלאָפט דער הימל.

פלוצלונג הער איך ווי פון גאָרטן
טראָגט זיך אַ געלעכטער,
מיין איך, אַז עס לאַכן דאָרטן
טויזנט קליינע טעכטער.

ערשט, עס לאַכן דאָס די גרינסן,
וויל פון העלער הויט

אוועקעט זיינען טאַנצן
אַ קאָרן — מיט אַ קעפּל קרויט.

קיילעכדיק און גראָב די קרויט,
פאַרפּוצט אין גרינע קרייזן,
דער זיסער קאָרן לאַנג און דאַר,
אין גאָלד־קאָלירטע הויזן.

הופּ־האָפּ־היפּ־האָפּ
און אַלע גרינסן לאַכן,
קענען גרילן איבער זיי
די אויגן ניט צומאַכן.

נעמען זיי און קומען אויך
אַריין צו מיר אין גאָרטן,
הויבן גרילן אָן צו שפּילן,
טוט זיך אָפּעט דאָרטן.

— בין איך טאַקע אַזוי געזעסן
די גאַנצע ווייסע נאַכט,
צוליב די גאָרטן־שטיפערלעך
קיין אויג ניט צוגעמאַכט.

דו טרעפסט ניט

אַ שטילינקע שטייט זי אין ווינקל,
איר שטרעבונג איז וואַקסן וואָס העכער,
יעדער גליד פון איר קערפּער,
אַזוי ווי אַ זיידענער פעכער.

זי טרינקט ניט קיין שאַרפע געטראַנקען,
זי עסט ניט קיין ברויט און קיין תּון,
גיב איר אַ טעפּעלע וואַסער,
פאַרבייסט זי אַ בינטעלע זון.

שטענדיק זי בוקט זיך צום מיזרעך,
אַזוי ווי מיין זיידע דער פרומער,
בוקט זיך און ציילט די מינוטן,
אַז קומען זאָל פרילינג און זומער.

באַנאַכט קוקט זי דורך פענצטער,
עס שמייכלט צו איר די לעוואָנע.
ניין, דו האָסט ניט געטראָפן —
זי איז אונדזער גרינע וואַזאָנע!

פאַרביי מיין פענצטער

פאַרביי מיין קליינעם פענצטערל
פליען ערגעץ פייגעלעך.
רופן מיך די פייגעלעך
און ווינקען מיט די אויגעלעך.

וויל איך ווי די פייגעלעך
פליען ערגעץ ווייט,
מוז איך קאָכן וואַרמעס,
האָב איך ניט קיין צייט.

נעם איך קאָכן וואַרמעס
פאַר מיין ליאַלקע-קינד,
נעם איך נייען קליידלעך
פאַר מיין קליינעם קינד.

קוק איך נאָך די פייגעלעך,
וואָס זיינען יונג און פריי,
שמייכלען זיי די פייגעלעך
און פליען מיך פאַרביי!

אינדיאַנער זומער

גרין-בלויער בראַנז, פּורפּור און גאָלד,
שפּינען-גאַרדינען פון פאַרבן.
זון איז פאַרנומען אַף פעלד און אַף וואַלד,
זי וועקט אויף די בלומען, וואָס שטאַרבן.

בלעטעלעך טאַנצן דורך זוניקן וואַלד,
ווינט שפּילט אַ ניגן אַף צווייגן;
אַף הימלען אַף ווייטע, ווי בלוילעכע טייכן,
שיפן זיך וואָלקנס און שווייגן.

שטייסט-אויף באַגינען מיט צאַר אין דיין הארצן,
אַף ברעמען אַ טויזנט פאַרדרוסן;
קומט דיר אַנטקעגן אַן אינדיען-זומער,
הויבט דיך אָן טרייסטן און קושן.

ווילסט ניט טרעטן אַף זוניקן אַספאַלט,
ווי אַף שטיינער געבליט וואָלטן קווייטן;
ווילט זיך דיר נעמען צוויי הויפנס מיט זון-שיין
און טראָגן פון איינעם צום צווייטן...

אונטער די בלעטער

זון־געקוקשטע בלעטער
פאַלן — פאַלן — פאַלן.
כאַפּט דער ווינט די בלעטער,
פאַריאָגט זיי אין די טאָלן.

ווערט באַלד פון די בלעטער
ווייכינקע געלעגערס.
קומען דאָרטן האָזן,
באַהאַלטן זיך פון יעגערס.

ליגן אין די טאָלן
שטילערהייט די האָזן.
דער ווינט איז היינט אַ גוטער,
וועט בלעטער ניט צעבלאָזן.

וואו זיינען היינט די האָזן?
וואונדערט זיך דער יעגער.
די האָזן ליגן שטילערהייט,
אין בלעטערנעם געלעגער.

לאָמיר זיך שפּילן

E. MILLER

לאָמיר זיך שפּילן

פּערעלע! נעם נאָר דיין ליאַלקע,
לאָמיר זיך שפּילן אַצינד —
ערגעץ וואו פּייגעלעך זינגען,
ווילט זיך מיר זיין היינט אַ קינד.

מיר וועלן אַ שטיבעלע מאַכן,
די ליאַלקע וועט זיין אונדזער קינד —
געדענק, איך בין איצט נישט דיין מאַמע,
דיין כאַווערטע בין איך אַצינד.

מיר וועלן פּאַרפּוצן די ליאַלקע,
זיך שפּילן ביז ווערן וועט שפּעט,
דערהערן דיין טאַטן אָנקומען —
באַהאַלטן זיך אונטערן בעט.

וועט אונדז דער טאַטע אומזוכן,
נישט וויסן, וואָס אונדז איז געשען,
וועט רופן: — פּערעלע! בלומע!
און וועט אונדז אין ערגעץ נישט זען.

שטילינקערהייט וועלן לאַכן
אונטערן בעט איך און דו,
און פּלוצלונג פון דאָרטן אַרויסגיין
צום טאַטן, און אויסשרייען: בו!!

וועט זיך דיין טאַטע דערשרעקן,
אויסשרייען עטלעכע מאָל,
דערנאָך וועט מען אַלע צוזאַמען
צעלאַכן זיך הויך אפן קאָל.

דער לעץ — מיט די קעץ

(צו שפרינגען אַף אַ שטריקל)

די וואָס דרייען:

צוויי — פיר — זעקס — אַכט!
קינדער, הערט זיך איין, און לאַכט:
אַוועק אין גאַס אַ מענטש אַ לעץ
און אָנגעכאַפּט אַ זאַק מיט קעץ.

די וואָס שפּרינגען:

כאַ — כאַ — כאַ — כאַ!
צו וואָס-זשע דאַרף דער לעץ די קעץ?

די וואָס דרייען:

עס האָט געוואָלט דער מענטש, דער לעץ
מאַכן געלט פון זיינע קעץ,
האָט ער געקלאַפּט אין אַלע שויבן, —
קויפט! קויפט! אַ זעקל טויבן.

די וואָס שפּרינגען:

כאַ — כאַ — כאַ — כאַ!
ווער-זשע קויפט באַם לעץ די קעץ?

די וואָס דרייען:

געקומען מענטשן גיך צולויפן,
באַם לעץ די טויבן אָפּצוקויפן.
דעם זאַק געעפנט האָט דער לעץ,
צעלאָפן זיינען זיך די קעץ.

אַלע מיטאַמאָל:

כאַ — כאַ — כאַ — כאַ!
אַי, איז ער אַ נאַר אַזאַ!!

מיכל און זיין ביכל

(אַ טאַנץ — אַ קאַראַהאָד)

— מיכל, מיכל, מיכל!
קוק נאָר אָן דיין ביכל:
די טאָוועלעך צעבראָכן,
די בלעטלעך אָפּגעקראָכן.

אָפּגעקראָכן אונזע צעריסן,
ווי פון הינט צעביסן,
זע נאָר וויפיל פלעקן
די ווערטער עס באַדעקן.

אַ מיידעלע אין אַ צעריסן קליידל,
איר פּאָנים אויסגעשמירט, שפּרינגט
אריין אין קאַראַהאָד און זינגט:

— מיכל, מיכל, מיכל!
אָט בין איך דיין ביכל!
שעם זיך ניט צו ריידן
וועט בעסער זיין פאַר ביידן . . .

דו לייגסט מיך אָפּן טיש,
ווען דיין מאַמע פילט די פיש;
דיינע הענטלעך שיינע,
זיינען אָפּטמאָל ניט קיין ריינע . . .

לייגסט מיך אָפּט אויך שלאָפן
באַ דעם פענצטער, העפקער, אָפן,
גיסט אַף מיר אַ רעגן —
זאָלט איר גאָר ניט פרעגן!

אַלע קינדער מיטאַמאָל:
— מיכל, מיכל, מיכל!
וואָס מאַכסטו פון דיין ביכל?
האַלטסטו עס פאַר אַ האַנטעך,
צי פאַר אַ טאַשן-טיכל?...

מאָטל דער פוילער

איינס-צוויי-דריי,
מאָטל איז פאַרביי.
ער האָט פאַרגעסן
לאָקשן עסן, אוי-וויי-וויי!

קלינג, קלאַנג, גלאָק.
ער טראָגט איין זאָק.
זיין צווייטן זאָק האָט ער פאַרלאָרן
אין אַ פעלד צווישן קאָרן.

דריי און איינס איז פיר,
איך וועל פאַרטרויען דיר,
די אויערלעך האָט ער ניט געוואַשן
און שפּאַצירט זיך אין די גאַסן.

צעבראָכן די ליאַלקע

די הענטעלעך פאַרבראָכן,
דאָס הערצעלע פאַרקלעמט,
וויינט מיין קליינע מיידעלע,
פאַרשולדיקט און פאַרשעמט.

וויינענדיק און כליפּענדיק,
קלייבט זי יעדעס שטיקעלע,
פּרובירט די הענט און פיסעלעך
פאַרבינדן מיט אַ שטריקעלע.

דערהער איך איר געוויין,
קום איך באַלד צולויפן,
און בעט זי — וויין ניט קינדעלע:
איך וועל אַ נייע קויפן.

נאָר מיין קליינע מיידעלע
וויל מיין טרייסט ניט הערן —
זי קושט די שטיקלעך ליאַלקעלע —
און ווייקט עס אוים אין טרערן.

טילקע די נייטאָרן

איך קען אַ קליינע נייטאָרן,
איר נאָמען איז טילקע.
זי האָט איר נאָדל אָנגעוואָרן,
נייט זי מיט אַ שפּילקע.

אַ לאַנגן פאָדים אָנגעבונדן
אָן דער שפּילקעס קעפּל,
און מיט אַזאַ מין נאָדל
וויל זי איינגייען אַ קנעפּל.

אָף איר ווייסן כופּע־קלייד
וואַרט אַ ליאַלקע־קאַלע,
ניין ליאַלקעס אַרום איר —
און עס מאָנען אַלע:

— גיכער, טילקע, גיכער, טילקע,
מיר וואַרטן שטיל און אַרטיק,
מיר מוזן צו דער כופּע גיין,
מאַך די קליידער פאַרטיק.

שלעפּט זי שטאַרקער, שלעפּט זי גיכער,
נאָר עס לאַכט די שפּילקע:
— אויכעט מיר אַ נייטאָרן
ביסטו מיר מיין טילקע!

ער וויל ניט שלאָפן

איך קען אַ קליין אינגעלע,
וואָס וויל ניט גיין שלאָפן.
איז הערט וואָס עס האָט
מיט דעם אינגעלע געטראָפן:

יעדן אָפּדערנאַכט,
ווי זיין מאַמע בעט זיין בעטל,
גיט ער איר טערוצים
גאָר אַ גרויסן צעטל:

— מאַ, איך וויל ניט שלאָפן,
איך וועל שלאָפן שפּעטער —
איך וועל וואַרטן אויף דער מומען,
איך וועל וואַרטן אויפן פעטער.

און ליגט ער שוין אין בעטעלע,
הויבט ער אָן צו לאַכן
און צו דער מאַמען שרייט ער:
— אָט, גיי איך קונצן מאַכן!

דער שלאָף וויל דאָס אינגעלע
אין לאַנד פון רו צונעמען,
מיט אַ ווייסן פעדערל
גלעט ער זיינע ברעמען.

דער זייגער שלאָגט שוין ניין,
צען און עלף און צוועלף.
עס שלאָפן שוין אַוודאי
אין וואַלד אַלע וועלף.

פֿאַרשלעפֿערט אַלע קעצעלעך,
די קינדער און די פֿייגעלעך,
נאָר דאָס אינגל ליגט נאָך
צעעפֿנט זיינע אייגעלעך.

בא דעם אינגלס בעטעלע
וואַרט דער שלאָף און וואַרט,
ביז דער שלאָף האָט זיך אַליין
אַפֿן בעטל צוגעשפּאַרט.

די גאַנצע נאַכט אין בעטעלע
איז דער שלאָף געשלאָפֿן,
און דאָס אינגעלע איז געלעגן
מיט די אייגעלעך אָפֿן.

קעצל און הינטל

מיזל, מיזל, מאַזל,
קראַנק איז אונדזער קאַץ.
ברענגט איר אונדזער הינטל
מילך אַף אַ טאַץ.

וויינט און וויינט דאָס קעצעלע:
אוי, אוי, אוי, איר קאָפּ.
און דאָס גוטע הינטעלע
טרעט פֿון איר ניט אָפּ.

ביז דאָס קראַנקע קעצעלע
ווערט צוריק געזונט —
פֿרייען זיך און דרייען זיך
דאָס קעצל מיטן הונט.

אַרבעטער־קינדער

קינדער
NEW PIONEER
E. MILLER

צום ערשטן מאַי

מיין רויטע יאַקל איז שוין פאַרטיק.
די גרויע וואָלקנס שטיל און אַרטיק,
זיי שלאָפן ווי באַנאַכט אַ הון,
אין מיין כיידער שיינט די זון.

זון מיין ליבע, זיי געטריי,
קום מיט מיר צום ערשטן מאַי!

מיין רויטע יאַקל אָנגעטאָן,
ס׳האָט דעם קאָליר פון מיין פאָן,
אין מיין האַרצן פרייד דאָרט טאַנצט,
און מיין פּאָנעם שיינט און גלאַנצט!

געווען צו דרייסיק ערשטע מאַיען
און דער זייגער איז ערשט ניין.

ווען איך טו מיין יאַקל אָן
קומט אַ גרויער וואָלקן אָן.
מיינט ער, אַז ער שרעקט מיך אָפּ,
לאַך איך פון דעם וואָלקן אָפּ.

זון מיין ליבע, ווער ניט בלייך,
אין אַ רעגן מאַרשיר איך אויך!

אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן

קומען זיי אריין אין „גארדן",
מיט רויטע פאָנען איבער קעפּ,
מיט פייפעלעך, מיט טרומייטן,
מיט די פיסלעך — מוזיק-קלעפּ.

ווערט דער דאַך פאַר פרייד צעשפּאָלטן
און עס שמייכלען די אַלייען;
צוואַנציק טויזנט אַפּלאָדירן
און די קינדער — גייען — גייען!

וואַקסט מיין הארץ ווי בלום אין פרילינג:
אַי, אַי, אַי, זעט, וויפיל קינדער!
און די לאָמפּן וואַרפן שטראַלן
און באַלייכטן אונדז דעם וואונדער:

דאָרט פּיאָנערן, דאָ די שולן,
פול-געפּאַקטע גאַלערייען,
בלאָע קליידער, רויטע טיכער
אין דער לופטן פריילעך ווייען.

הויבט אַ רעדנער אָן צו ריידן,
נעמען זיי מיט אים שטאָלצירן;
ווערט אַ פריידיקער געוויטער
ווען זיי הויבן אָן צו „טשירן".

צו דער וועלט פון בלוט און הונגער
שיקן זיי אַ טויזנט שרעקן,
און זיי טרובען, און זיי זינגען
און זיי וועקן — וועקן — וועקן!

פרייד אַף פּאָנעם באַ דער מאַמען,
פרייד אַף פּאָנעם באַ דעם טאַטן —
אַזוינע קינדעלעך צו האָבן
אַזוינע — יאַטיכעס און יאַטן!

די קליינע שפּיזערן און איר טאַטע

פרימאָרגן קלאַפּט אין אַלע הייזער,
ס'ליגט פאַרשעמט אַ טאַטע־שפּייזער.
אים אַרט ניט, צי ס'איז שפּעט, צי פרי,
קיינער דאַרף ניט מער זיין מי.

יעדער שלאָפט, ס'איז שטיל אין הויז,
זיין מיידל רייבט די אויגן אויס.
די ווייסע קישן רעדט זי צו:
ס'איז פרי, ס'איז פרי, לייג זיך צו.

זי הערט ניט, וואָס די קישן רעדט,
זי שפּרינגט אַפּגיך אַראָפּ פון בעט.
זי גייט אַליין אַריין אין קיך,
אַ גלעזל קאַווע מאַכט זי זיך.

זי נעמט אַ פּעקל אונטערן אָרעם,
פאַרלאָזט איר בעט, וואָס איז נאָך וואַרים,
איר מאַמען זאָגט זי אַ גוט מאָרגן
און בעט זי: מאַמע, זאָלסט ניט זאָרגן.

דער טאַטע מאַכט זיך, ווי ער שלאָפט,
ווי אַ קינד, וואָס ווערט באַשטראָפט.

לענינס בילד

פוןביידע זייטן — פענצטער
און לענינס בילד אינמיטן.
מיין מאַמע זאָגט עס הענגט דאָרט
די קינדער נאָר צו היטן.

וואָס איך אָפּ מיין פּאַנים
און טו זיך אָן ריין.
דאַכט מיר, לענין זאָגט מיר:
— זייער, זייער שיין!

אַז מאַמע בעט מיך העלפן
און איך טו עס ניט,
מאַכט ער קליינע אויגן
און ער שמייכלט ניט.

אַז איך גיי אין מואַווים
אָנשטאָט צו פּיאָנערן,
מאַכט ער דינע ליפּן,
קנייטשט ער מיטן שטערן.

אַז איך גיי צו מיטינגגס
און זינג פּיאָנערן-לידער,
איז ווען איך קום אַהיים
שמייכלט ער שוין ווידער.

אַז איך וויל ניט אויפשטיין
און ליג אַזוי אין בעט,
דאַכט מיר, אַז ער וועקט מיך:
— שטיי שוין אויף, ס'איז שפּעט!

פוןביידע זייטן — פענצטער
און לענינס בילד אינמיטן,
מיין מאַמע האָט עס אויפגעהאַנגען,
אַז עס זאָל מיך היטן.

לעקטאָר

אין זאַל איז שטיל,
מיר זיצן און הערן.
דער רעדנער איז יונג
מיט אַ הויכן שטערן.

הויבט ער אָן ריידן —
ציטערט זיין שטים,
זיצן מיר שטיל
און מיר שמייכלען צו אים.

קוקט ער אויף אונדז —
ווערט שטאַרקער זיין קאָל.
עס פינקלען די אויגן,
אַזוי ווי קרישטאָל.

נעמט ער זיך לענינען
און מאַרקסן באַם זייט,
פירן זיי אים
דורך לאַנד און דורך צייט.

גייט ער מיט זיי
איבער אייזערנעם בריק
און קוקט אוים די וועגן,
וואָס פירן צו גליק.

דער קאָפּ איז אַ גאַס
מיט בלינדע לאַמטערן,
צינדט ער זיין אָן,
ווער ליכטיקער ווערן.

ווייזט ער אונדז אָן
דעם וועג און דאָס אָרט,
זיצן מיר שטיל
און שלינגען זיין וואָרט.

אונדזערע שכיינים און אונדזער שוועל

מיין שאָכן מיקלעל איז פופציק יאָר אַלט,
זיין קאָפּ איז גרוי און געבויגן,
פון צוויי רייען ציינער, געבליבן איין צאָן
און טרויער אין העל־גרויע אויגן.

אַלע פאַרטאָג גייט ער אַוועק,
גייט אום ביז נאַכט, פון באַגינען.
בא יעדער פאַבריק שטייט ער און וואַרט
און קען אַלץ קיין דזשאָב ניט געפינען.

קומט ער צוריק און שטעלט זיך באַם טיר,
שטייט ער און וואַרט אַף זיין מערין.
זיין פרוי איז געגאַנגען אויסוואַשן גרעט —
זיך און איר מאַן צו דערנערן.

זיין מערי קומט אָן מיט בלייענע טריט,
קומט ער זיין מערין אַנטקעגן.
גייען זיי שטיל, מיט געבויגענע קעפּ,
ער וואַגט איר קיין וואָרט ניט צו פרעגן.

מיקלעל האָט צוויי זין, געלערנטע זין,
ווילן זיי זיין אַדוואָקאַטן.
די קעפּ זיינען בלאַנק, ווי גלאַנציקע שיך
און שטענדיק מ׳שרייט אַפן טאַטן.

— ביסט שולדיק אַליין — נאָר דו אַליין!
דו האָסט אויך געקענט ווערן דאָ רייך.
אַ גאָלדענע לאַנד — אונדזער „יו. עס.״
יעדערער קען דאָ זיין גלייך.

זיין מערי הערט אויס, און האַלט מיט די זין.
וואָס טוט אונדזער שאַכן מיקלעל?
ער צינדט אָן די ליולקע, טוט זי אַ צי,
און קומט גלייך צו אונדז אַפן שוועל.

ער רעדט און ער רעדט, מיר הערן אים אויס.
— מיט אייך — מאַכט ער — ווערט מיר פיל גרינגער.
דערנאָך ריידן מיר, הערט ער אונדז אויס,
ווערט ער גלייך קליגער און יונגער.

ער רויכערט די ליולקע און שטייפט זיינע הענט,
זיינע אויגן, זיי צינדן זיך אָן,
זיינע אויערן שפּיציק צו אונדזערע רייד
און בעט אונדז: — אַ זאָגט וואָס צו טאָן.

די זין דורך די שויבן זיי קוקן צום שוועל
דעם טאַטן צו שטראָפן געגרייטע.
באַפעלן דער מאַמען — גיי רוף דעם „אָלד-מען״,
ער זיצט שוין און רעדט מיט די „רויטע״.

קומט זי אַריבער מיט בלייענע טריט
רופן איר מיסטער מיקלעל.
הויבט זי אָן ריידן פון הונגער און נויט
און זעצט זיך אויך צו אַפן שוועל.

אַ מילכאָמע מאַמע

באַ אונדז אין הויז
וואוינט אַ פרוי.
ניט זייער אַלט,
נאָר זייער גרוי.

זי האָט אירע זין
פאַרלוירן אין קריג.
איז זי עלנט
און שוואַך ווי אַ פליג.

דעם גאַנצן טאָג
זיצט זיביים שויב,
אַזוי ווי אַן עלנטע
גרויע טויב.

אירע גרויע אויגן
ווערן אַלץ בלינדער,
ווייל זי וויינט זיי אויס
נאָך אירע קינדער.

אין דרויסן איז פרילינג,
די זון זי בלענדט,
און זי זיצט און האַלט
איר קאָפּ אין די הענט.

נאַכט פאַרטונקלט
איר ווייסן גאַרדין,
און זי מורמלט שטיל:
— מיינע זין, מיינע זין...

מיין קונקי איז ברויגעז

שלאָף, מיין ברוין שוועלבל,
אָט וועל איך דיך פאַרוויגן.
ביסט אָף מיר ברויגעז,
יע, ס'איז ניט קיין ליגן.

אָף דיינע ברוינע בעקלעך
רינען בלויע טרערן.
זינג איך דיר אַ לידל,
ווילסטו מיך ניט הערן.

דרייסיק זעק מיט באָוול
האָב איך היינט געקליבן,
ביסטו דאָך מיין ליבער
אַליין אין הויז געבליבן.

שלאָף, מיין קליינער קונקי,
האָב ניט קיין פאַריבל.
ועסט אויך מאָרגן בלייבן
איין אַליין אין שטיבל.

דרעמלט איין מיין שוועלבל,
ליגט ער שטילערהייט.
זינג איך אים אַ לידל
פון אַ שיף מיט ברויט!

אָן אַ קוש

מיין טאַטע איז אַהיים געקומען
אומעטיק, פאַרטראַכט,
קיין קוש מיר ניט געגעבן,
אויך גאָרנישט מיטגעבראַכט.

איך האָב געמיינט, עס האָט מיין טאַטע
מיך גאָר ניט דערזען,
ווייל כ׳שפּיל זיך אין אַ ווינקעלע,
און בין נאָך אַזוי קליין.

שפּרינג איך צו מיין טאַטן צו:
— אָט בין איך, פּאַפּאַ, האָפּ!
זאָגט דער פּאַפּאַ: זע, מיין קינד,
דריי מיר ניט מיין קאָפּ!

דערנאָכדעם רעדט ער צו מיין מאַמען:
„אַרבעט", „סלעק" און „באָס" —
און מיין מאַמע הערט אים אויס
עפּעס מיט פאַרדראָס.

קיינער שפּילט זיך ניט מיט מיר,
נאָר זיי ריידן און זיי ריידן;
בין איך טאַקע אַביסעלע ברויגעז,
ברויגעז אַף זייביידן.

מיין מיידעלע

איר ווייסט, קינדער,
ווער עס וואַרט באַ מיין טיר?
אַ פּיצינקע מיידעלע
וואַרט דאָרט אַף מיר.

איר נעזעלע האָט זי
צוגעפּרעסט צום שויב,
שטייט דאָרט און וואַרט,
ווי אַ שטילינקע טויב.

די הענטעלעך אירע —
ווי קאַטשקעלעך צוויי,
ווי בלימעלעך בלויע —
די אייגעלעך צוויי.

דערהערט זי מיך קומען,
לויפט זי צו דער טיר
און שטעלט אויס די ראָזעווע
הענטלעך צו מיר.

ווערן די פיס באַ מיר
פליגלדיק גרינג,
און וואָס נאָר איך טו,
טו איך און זינג.

איך קעמף און איך שטעל איין
מיין לעבן פאַר איר,
אַז זיין זאָל מיין מיידעלע
בעסער ווי מיר . . .

איך וועל אייך, קינדערלעך, דערציילן

איך וועל אייך, קינדערלעך, דערציילן,
פון די מיינער און די קוילן —
ווער עס טוט די קוילן האָבן,
און ווער עס טוט די קוילן גראָבן.

פונקט אַזוי ווי אונדזער לעבן,
האָט מען קוילן אונדז געגעבן.
ווער עס האָט געדאַרפט דאָס האָבן,
פלעגט אַוועק צום גרוב און גראָבן.

איז דער רייכער גאָר געקומען,
אַלע מינען צוגענומען.
גיט קיין קוילן ניט אָן געלט —
מעג מען אויסשטאַרבן פון קעלט.

פרירן אָרימע אין שטיבער,
און מיט קוילן פול די גריבער.
גייסטו נעמען זיך אַליין,
מוזסטו גאָר אין טפיסע גיין...

האָט דער רייכער אַלע היילן,
אָנגעפּאַקטע פול מיט קוילן,
איז ער פויל צו גיין אויסגראָבן,
מוז ער קוילן-גרעבער האָבן.

זיינען אַרבעטער אין נויט,
קליינע קינדער ווייגען — ברויט;
און אַז קינדער בעטן ברויט,
שרעקט דעם טאַטן ניט דער טויט.

אין די טיפסטע, — טיפע הייל
קריכן טאַטעס גראָבן קוילן,
אָפט געפינען זיי דעם טויט,
צוליב אַ טרוקן שטיקל ברויט.

און דער רייכער לעבט זיך גרינג,
האָט פיל לוקסוס, האָט אַלצדינג,
רואיק זיצט ער אין זיין געצעלט,
ציילט דאָרט זיינע זעקלעך געלט.

איך האָב געהונגערט און געשוויגן . . .
(צום סאַן־פראַנציסקער גענעראַל־סטרייק)

איך האָב געהונגערט און געשוויגן, —
איר האָט געפרעסן און געלאַכט.
איר׳ט מיין געדולד געוואָלט פאַרוויגן,
נאָר ס׳האָט מיין צאָרן אויפגעוואַכט!

איר האָט געגאַנוועט מיינע אוצרעס
און מיר געגעבן קייט און צוואַנג.
איך הער איצט וויינען מיינע קינדער,
אָנשטאָט קינדעריש געזאַנג.

נאָר כ׳בין ניט מער אַ שטילער וואַסער, —
איך ווער אַ פלאַמיקער וואולקאַן!
און אייער בלוט ווערט קאַלט און בלאַסער —
ווען ס׳הויבט זיך אויף דער אַרבעטמאַן!

איר׳ט מיר אין האַנט דעם שווערד געגעבן, —
איך שנייד איצט ווייטיקדיק און טיף.
איך האַלט דעם שלאַס צום גאַנצן לעבן —
און איר — צו אַ זינקענדיקער שיף!

צו אַ נאָדל

נאָדל, נאָדל, נאָדעלע,
פּלי דורך דעם געוואַנט, —
אַ פאָדעם אין דיין אייגעלע
לאָז דורכציען מיין האַנט.

פאַל ניט, פאַל ניט, נאָדעלע
פון מיין מידער האַנט,
מיר טאַנצן דאָך אַ נאָדל־טאַנץ
אַף זייד און אַף געוואַנט.

ווען דער טאָג וועט שלאָפן גיין,
רוסטו אין מיין לאַץ,
נאָדעלע, מיין נאָדעלע,
נאָדעלע, מיין שאַץ!

אייזיק שלאָגלער

אַ שוואַרצער אינגעלע אַ קליינער
מיט צוויי שורעס ווייסע ציינער,
שטענדיק אין רויטן סוועדער —
אייזיקן קען דאָך יעדער.

אין אַ שניי און אין אַ רעגן —
ער דאַרף דער מאַמען שוין ניט פרעגן:
ער מוז צו מיטינגען נאָר לויפן,
די „פּיאָנערן" צו פאַרקויפן.

דאָס קעלכל דין, די אויגן פריידיק —
אייזיק שטייט קיינמאָל ניט ליידיק,
יעדער כאַווער קען אים הערן:
— העי, העי, קויפט „פּיאָנערן"!

די רויטע פליער

פון אַ לאַנד אַ ווייטן, פרייען,
פון אַ לאַנד אַ יונגן, נייעם,
איז אַן אָדלער אָפּגעפלויגן,
מיט רויטן ליכט אין זיינע אויגן.

אויף די פליגל — סערפּ און האַמער,
ווערט אין האַרץ דערפון גערַאַמער.
ס'וואַרטן גרויסע, ס'וואַרטן קינדער
אויפן ווייטן רויטן וואונדער.

פליט דער עראָפּלאַן דורך לענדער,
ווייען הויך די רויטע בענדער,
און מיליאָנען הערצער קלאַפּן,
יעדער וויל אַ פּענדל כאַפּן!

נאָר די סאָנים וואַרטן, האָפן,
אַז עס זאָל זיך עפּעס טרעפן
מיט די פליער פון סאָוועטן.
ליגן זיי באַנאַכט און בעטן:

— ליבער גאָט, שיק אָן אַ שטורעם,
וואָס צעברעכט דעם גרעסטן טורעם,
רויטע פליער צו פאַרטרייבן,
וויל מיר ווילן הערשער בלייבן.

אָבער מיר, די אַרבעט-קינדער,
גלויבן אין דעם גרויסן וואונדער.
שטייען אַרבעטער מיליאָנען,
וואַרטן שוין מיט רויטע פאָנען.

און מיר וועלן זיי באַגריסן
מיט אַ פרייד און ווערטער זיסע,
און דערנאָכדעם וועלן מיר בעטן:
ברענגט אַ גרוס צו די סאָוועטן!

ווינטער

שניי אַף פעלדער

ווייסע וועגן, ווייסע וועלדער,
ווייסע בערג און ווייסער טאָל.
זון צעלאַכט זיך דורך דער ווייסקייט,
בייט זיך אַלצדינג אַף קרישטאָל.

גיי איך דורכן וואַלד שפּאַצירן.
וועג איז ווייט, איז ווייס און שטיל —
ווייסקייט מאַכט מיר צו די אויגן,
און די לופט איז קיל.

אַ פויגל העפּט אוים ווייסע בלומען
מיט די קליינע פויגל-פיסלעך.
קליינע שטיבלעך, ווייסע דעכלעך —
ווי געגרייטע ווייסע טישלעך.

גיי איך דורכן ווייסן צויבער.
שניי באַפּוצט מיין שוואַרצע קלייד.
צעשנייד דעם שניי אַף ווייסע בייטן,
טראַכט פון קומענדיקער פרייד.

אַ שנייאיקע מילכאָמע

דרייסיק קליינע אינגלעך —
אין דרויסן ליגט אַ שניי —
פופצן דאָ און פופצן דאָרט,
סאָלדאַטן זיינען זיי.

די שניי־קוילן פליען:
הו־האַ! הי־האַ! העי־איי —
קוילן אין דער לופטן.
די זון באַגילדט דעם שניי.

אין אַ שניי־טרענטש, מיקי,
ער מאַכט זיך, ער איז טויט;
לאַכן קינדער, מען באַוואַרפט אים
מיט דעם ווייסן, קאַלטן „שרויט".

נעמט מען אים פאַרדעקן
מיט שניי דעם גאַנצן גוף,
וויל ער מער ניט שטאַרבן,
און ער שטעלט זיך אויף.

דריי הינטלעך אַפן שלאַכט־פעלד,
די שפּור־הינט זיינען זיי,
זיי שפּרינגען נאָך די אינגלעך
און קוליען זיך אין שניי.

די שלאַכטן האָט געוואונען
דער קעפּטן באַבי גרעי;
שניי־קוילן אַ קופּע
און זיבן בערגלעך שניי.

צעליינט מען דאָרט אַ פייער,
מען צעשמעלצט דעם שניי:
זאָל מען דאָרט געדענקען
דעם קעפּטן באבי גרעי!

אָט אַזאַ מין שלאַכטפעלד
ווי גוט איז צו באַשרייבן;
די שנייאיקע מילכאָמעס
זאָלן נאָר פאַרבלייבן!

שנייעלעך און טרערן

בערג מיט בלאָטע און אונטן איז שניי —
ליגן זיי אונטן און וויינען אַזוי.
ליגן זיי אונטן דערשראָקן, פאַרשעמט,
אַזוי ווי אַ קינד אַליין אין דער פרעמד.

קינדערלעך קוקן דורך אָרעמע שויבן,
און שנייעלעך פליען, ווי ווייסינקע טויבן.
איין קינד פעלט שיכלעך, דעם צווייטן אַ היטל,
דער וויל זיך גליטשן און האָט ניט קיין שליטל.

מאַמעס פאַרזאָרגטע די שנייעלעך ציילן.
— הערט אויף צו פאַלן, מיר האָבן ניט קיין קוילן.
און שנייעלעך קוקן דורך שויבן און הערן
און ווערן צעגאַנגען פון אָרעמאַנס טרערן.

אַ טומל אַפן גליטש

הערט נאָר אוים, קינדער,
וואָס עס האָט געטראָפן,
מיט אַ שטיפער־אינגל
איז די זאַך פאַרלאָפן.

מיר גליטשן זיך פון באַרג,
דער פראָסט האָט שטאַרק געברענט,
געפראָרן האָבן געזלעך,
בעקלעך, פּים און הענט.

פּלוצלונג רופט זיך אָפּ
פייפל שטיפער־יונג:
— קינדער, זעט וואָס איך וועל
טאָן באַלד מיט מיין צונג!

שרייען אַלע קינדער:
— גיכער ווייז אונדז, נו!
שטעקט ער אוים זיין צינגל,
און לייגט צום שליטל צו.

האָט דער קאַלטער אייזן
זיין צינגל אָנגעכאַפּט,
איז עס דאָרט געבליבן
ווי מיט טשוועקלעך צוגעקלאַפּט.

איינער שלעפּט דאָס שליטל,
אַ צווייטער שלעפּט דאָס אינגל.
און עס טאַנצט דער שטיפער:
— אוי־אוי־אוי — מיין צינגל!

האָבן מיר דאָס שליטל
גערימן און געריסן,
ביז מ'האָט זיין צינגל
פון שליטל אָפּגעריסן.

נו, איז דאָס געוועזן
אַ טומל אויפן גליטש.
און אַ שטיפּער איז געבליבן
מיט אַ צינגל אָן אַ שפּיץ.

אויפן באַרג

אויף אַ באַרג, אַ גליטשיקן,
אַ זילבערנעם, אַ שפּיציקן,
גליטשן זיך די זונען־שטראַלן
באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ.

טוט דער גלאָק אַ קלונג אין שול —
ווערט דער באַרג מיט קינדער פול,
אויף די שליטלעך אין גאַלאָפּ —
באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ.

ציען זיך גליטשן, צוואַנציק פאַלן
און עס לויפן נאָך די שטראַלן
נאָך די שליטלעך אין גאַלאָפּ
באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ.

טוט דער גלאָק אַ רוף אין שול,
מוז מען צו די ביכלעך גיין;
גליטשן זיך די זונען־שטראַלן
איינזאַם, גאָר אַליין...


E-MILLER

באַלאַדן

קינדער, קומט צו מיר!

הונדערט טויזנט קליינע קינדער,
אַלע קומט צו מיר!
איר דאַרפט בײַ מיר קיין גלאָק ניט קלינגען, —
אָפן שטייט מײַן טיר.

אַלע וועלן מיר זיך זעצן,
בײַ מיר אױף דער שוועל;
די לעוואָנע אין מײַן געסל
לויכט איצט צויבער־העל.

מײַסעס וועל איך אײַך דערציילן,
נאָך, און נאָך, און נאָך;
מיר וועלן אַזוי זיצן
אַ גאַנצע העלע וואָך.

אַלע מײַסעס פון די וואָלקנס
בינד איך פאַר אײַך אויס;
אין די וואָלקנס האַלט איך זיי...
זאָג ניט קיינעם אויס.

פייער־פליגן

קינדער, איר זעט די פייער־פליגן?
אָט די, וואָס איר לויפט זיי נאָך און קענט זיי ניט קריגן —
די פונקען, וואָס שפּרינגען אום זומער באַנאַכט —
איך האָב וועגן זיי אַ מייסע פאַרטראַכט.

פאַרטראַכט, ווי זיי קומען צו אונדז אַף דער ערד.
זעצט זיך אַוועק אין אַ רעדל און הערט,
שטיפט ניט און לאַכט ניט, נאָר זיצט אַף אַן אָרט
און הערט וואָס איך זאָג אייך וואָרט בא וואָרט.

איך וויים ניט דאָס לאַנד און איך וויים ניט די שטאָט,
איז נעם איך אַ דאָרף גלאַט אַזוי — אָט,
איז אין דעם דערפל געשוואומען אַ טייך,
איז צו דעם טייך ניט געווען קיין גלייך.

דאָרט פלעגן זיך באָדן די זון מיט די שטערן
די שוועלבעלעך זינגען — אַ מעכאַיע צו הערן;
דער טייך פלעגט באַווייזן זייער פיל וואונדער,
מ׳פלעגט דאָרטן באָדן קראַנקע קינדער.

וויל בא אַ מיידל ניט וואַקסן דער צאָפּ,
לויפט זי צום טייך און טונקט אָפּ איר קאָפּ;
וואַקסן איר אָן צוויי גאָלדענע צעפּ,
אַזוי לאַנג, אַז זיי קלעקן פאַר צוויי מיידלשע קעפּ.

האָט איינמאָל געטראָפן, אין מיטן דער נאַכט,
אַן אומגליק אַזאַ, ניט פאַר קיינעם געדאַכט:
אַ ווייסינקע ציגעלע האָט זיך צעטאַנצט און צעזונגען,
ביז זי האָט איר פּום אויסגעלונקען.

זי איז ניט געווען פון גלאַט אַזוי ציגן —
פאַר אָרימע מאַמעס פלעגט זי צואוויגן, וויגן —
זייערע קינדער און מאַמעס צוזאַמען געלאָפן
צו זען וואָס ס'האָט מיט דער ציגעלע געטראָפן.

כאַפּט מען די ציגעלע און מ'לויפט דאָ גלייך
אָפּבאָדן איר פוס אינעם וואונדער־טייך,
איז דעמאָלט גראָד סאַף־כוידעש געווען,
פינצטער, אַז מ'האָט די נאָז ניט געזען.

זוכט מען דעם טייך דאָרטן און דאָ,
מ'זוכט און מ'זוכט און דער טייך איז ניטאָ;
לויפן אום אַלע אין גרוים פּאַרדרוס
און די ציגעלע וויינט: איר פוס! . . . איר פוס! . . .

איז ווי מ'זוכט דעם טייך אַזוי,
דערזעט מען אַ בוים ווייסער ווי שניי,
מיט ווייסע צווייגן, ווי ווייסע הענט —
ווערט ליכטיקער, ווי עס וואָלטן לאָמפּן געברענט.

ווערט עס ליכטיק, דערזעט מען דעם טייך,
כאַפּט מען די ציגעלע און מ'לויפט אַהינצו גלייך;
שפּרינגט זי אין טייך און באָדט אָפּ איר פוס,
ווערט זי געזונט, ווי אַ פרישינקער נוס.

אין פינצטערע נעכט און כמאַרנע טעג
פלעגט דאָס בוימל באַלייכטן צום טייך דעם וועג.
איינמאָל איז געוואָרן זייער קאַלט,
האָט געטראָפן אַ זאַך — אָט דערצייל איך אייך באַלד.

עס פאַלט אַ שניי, דער וועג איז ווייט,
פאַרט אָן אַ פויער פון ערגעץ ווייט,
דערזעט ער גלייך דעם ווייסן בוים,
האַקט ער אים אָפּ און נעמט אים אַהיים.

צעהאַקט אים און לייגט אים אין פייער אַריין,
ווערט אין זיין שטיבל וואַרים און פיין,
ברענט דער בוים און וואַרימט די הויז,
ברענט, און ברענט, און ברענט זיך ניט אויס.

דער ווינטער אַוועק, דער פרילינג געקומען,
עס זינגען שוין פייגל, עס בליען שוין בלומען,
מ׳לייגט שוין אָפּ טוואָוע אין יעדן שייער,
נאָר אין פויערס אויוון ברענט נאָך דאָס פייער.

האָבן אַלע דערוואוסט זיך פון גרויסן וואונדער,
לויפן אין שטיבל אי גרויסע, אי קינדער;
שטייען באַם אויוון, מ׳רייבט די הענט —
און דאָס בוימל אין אויוון ברענט און ברענט.

פּלוצלונג — אין קומען דער ווינט טוט אַ בלאָז,
פון בוימל ווערן פונקען און גלייך אַפן גראָז,
פון גראָז אָף אַ בוים, פון בוים אָף אַ בלום,
איז ליכטיק געוואָרן אַרום און אַרום.

איז שוין קיינער די גאַנצינקע נאַכט ניט געשלאָפן,
אַלע זיינען די פונקען נאָכגעלאָפן;
דער שרייט: — ס׳זיינען פליגעלעך! און דער שרייט:
—סע ברענט!
קינדער צעלאַכן זיך און פּאַטשן מיט די הענט.

אַרום טייכל טאַנצן זיי אום אין קאַראַהאָדן,
און לייכטן, ווען מ׳גייט באַנאַכט זיך באָדן.
אַט דאָס זיינען, קינדער, די פייער־פליגן,
וואָס איר, קינדער, יאָגט זיי און קענט זיי ניט קריגן.

איך רעכן זיי זיינען די קינדער פונעם בוים,
וואָס האָט אָנגעוואַרימט דעם פויערס היים;
זיי פינקלען און שפּרינקלען זומער באַנאַכט,
און איך האָב וועגן זיי אַ מייסע פאַרטראַכט.

באַשע און דער צאַר

מיט אַ העלדישער אידישער מיידל
האָט אָט די מייסע פאַסירט:
ס׳איז געווען אין צאַרישן רוסלאַנד,
ווען דער באַס און דער צאַר האָבן רעגירט.

ווען די אַרבעטער האָבן באַשלאָסן,
ווי איינער, וואָס שטייט אויף פון שלאָף,
אַז צום צאַר און צו באָסישע הערשאַפט
וועט מוזן באַלד גענומען אַ סאָף.

איז הינטער אַן אַלטן ביים-אוילעם,
דאָס מאָל, די פאַרזאַמלונג געווען,
אין אַ קרומער צעבראָכענער שטיבל —
אַזאַ היים זאָלט איר קיינמאָל ניט זען.

די שויבן פאַרשטאָפּטע מיט טיכער,
און לעכער אין יעטוועדער ברעט,
ווען ס׳איז אַ רעגן געגאַנגען,
איז מיט וואַסער געווען פול די בעט.

אַ פרוי מיט צעשראָקענע אויגן,
זי האָט אונדז דאָס שטיבל פאַרדונגען,
אַ פרוי מיט דריי קליינינקע קינדער,
פון קעלט און פון הונגער געצוואונגען.

באַשע, אַן אַרבעטער מיידל,
מיט אויגן ווי העל-בלויע בלומען,
זי האָט דאָס שטיבל געדונגען,
און די ערשטע אין שטיבל געקומען.

באַשע, זי שטעלט זיך באַם פענצטער,
צעשטעלט אַלע בענקלעך און שטולן —
אַרבעטער קומען און קומען,
ווי קינדער, וואָס קומען אין שולן.

עס פינטלט אין לעמפּל דאָס פייער,
באַרויטלט די רויטע געזיכטער,
דאָס פייער, די מענטשן, די בענקלעך,
קוקן פאַרבענקט נאָך אַ דיכטער.

באַשע, זי שמייכלט צופרידן,
רופט אוים מיט איר לאַשן איר פּראָסטן:
— כאַווײרים, מיר הויבן באַלד אָן,
היטער, גייט, שטעלט אייך אַף פּאָסטנס!

אַכט וועכטער פאַרלאָזן דאָס שטיבל,
וועגן באַוואַכן זיי פיר.
דער רעדנער איז אויך שוין געקומען, —
באַסיע, זי שטעלט זיך באַם טיר.

דער רעדנער ווישט אוים זיינע ברילן,
צעשפּיליעט זיין מאַנטל דעם שווערן,
הויבט אָן צו האַלטן זיין רעדע,
מיר זעצן זיך שטיל און מיר הערן.

ער רופט אונדז צום קאַמף פאַרן מאָרגן,
מיר אַרבעטער, שווייגן און הערן.
ער רופט אונדז צו ברעכן די קייטן,
מיר ביילן די פויסטן און שווערן.

עס הערט אויך דאָס אָרימע שטיבל,
מיר זיצן ווי שוועסטער און ברידער
פּלוצלונג דערהערט מען פון דרויסן
אַ טומל, געלאַף און גערודער!

בלייך ווי אַ טוך ווערט דער רעדנער,
קיין איינציקע מינוט ניט געטראַכט.
אַ בראָך די פאַרהאַנגענע שויבן
און אַ שפּרונג אין די אָרעמס פון נאַכט.

אַ ציטער צעשרויפט אונדז די גלידער,
מיר פּרואוון ניט ווערן פאַרלאָרן.
אין שטיבל ווערט שטילער און שטילער,
מיר הערן די קלאַנגגען פון שפּאָרן.

די שפּאָרן ווי גלעקעלעך קליינע
צום טאַקט צו די פיס פון די פערד.
זיי רינגלען אַרום אונדזער שטיבל.
אין דרויסן שווייגט הימל און ערד.

נאָר באַשע, מיט פייער אין אויגן,
רופט אוים מיט איר לאָשן איר פּראָסטן:
— כאַוויירים, כאַוויירים, זייט רואיק!
איך בלייב דאָ באַם טיר אַף מיין פּאָסטן!

מיר בלייבן געשמידט און צעטומלט
און באַשע, זי שטייט אַליין באַם טיר.
באַם טיר איז געשטאַנען אַן אויוון,
אַ צעבראָכענער אויוון באַם טיר.

נעענטער-נעענטער-נאָענט
הערט זיך דאָס טופּן פון פערד.
מיר זיצן געגרייט און פאַראייניקט,
ביז מיר הערן אַ שפּרונג אָף דער ערד.

באַשע מיט ברוסט קעגן סוינע,
באָם טיר, ווי אַ מוטער באָם וויגל.
זי נעמט זיך צום שטיינערנעם אויוון,
און שליידערט אין דרויסן די ציגל.

זי שליידערט און שליידערט די ציגל,
און לאָזט ניט די פערד צו צום טיר.
קאָזאַקן, זיי שעלטן און שרייען,
און שטעלן אויס שפּיזן צו איר.

זי שליידערט אין דרויסן די ציגל,
פאַרלירט ניט קיין איינציקע מינוט.
מיר לויפן צום טיר, איר צו העלפן,
זי ליגט אין אַ טייכל מיט בלוט!

מיר האָבן געשוואוירן, פאַרניכטן
יעדן צארישן הונט.
מיר היילן אויס באַשען די וואונדן,
באַשע ווערט ווידער געזונט.

נישטאָ שוין די צאַרן און באָסעם,
נישטאָ שוין די פינצטערע הינט.
אין רוסלאַנד איז איצטער סאָוועטן,
און באַשע, זי לעבט נאָך אַצינד.

דער שטומאַק

קינדער, איך וועל אייך דאָ איצטער דערציילן,
וואָס עס האָט געטראָפן מיט יאָרן צוריק,
מ׳איז נאָך אין רוסלאַנד דאַן שקלאַפן געוועזן
און איך, אויך אַ שקלאַף אַזאַ אין אַ פאַבריק: —

מיר האָבן געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט;
קלאַלעס, געשרייען פון באַס נאָר געהערט; —
ער האָט אונדז געצאָלט אַ רובל אַ וואָך,
און מיר האָבן געמיינט: אַזוי איז באַשערט . . .

מיר האָבן געהערט, אַז אין גרעסערע שטעט
קעמפט מען פאַר פרייהייט, ניט נאָר פאַר ברויט,
מיר האָבן געהערט, אַז פאַר אַט-דעם קאַמף
ווערט מען באַשטראָפט מיט טורמע, מיט טויט.

נאָר בײַ אונדז אין פאַבריק איז אומעטיק, שטיל,
מיר שקלאַפן פאַרבענקטע—נאָך זון און נאָך פרייד.
דער באַס, נאָר ער שרייט און טרייבט אונדז ווי פערד
— מיר קוקן ניט אָן קיין יאָנטעוודיק קלייד.

ביז איין אינדערפרי—דער באַס קומט אַריין,
(ס׳איז געווען אין ניינצן הונדערט און דריי),
ער פירט מיט זיך אויך אַ באָכער אַריין,—
קוקן מיר אַלע שטיל און געטריי.

דער באָכער איז הויך און מאָגער און בלאַס,
האָט טונקעלע אויגן, געקרייזלטע האָר,
ער קוקט אַף אונדז—שטיל, ווי אַ טאַס,
דערנאָך נעמט דער באַס און שטעלט אים אונדז פאָר:

„אַט דאָס איז אַ באַכער, וואָס׳ט אַרבעטן דאָ.
דער באַכער איז שטום און טויב ווי די וואַנט,
איך מוז אים דאָ האָבן צו דרייען די ראָד,
כ׳האָב לאַנג שוין געזוכט אַזאַ ביליקע האַנט״.

שטעלט זיך דער באַכער גלייך דרייען די ראָד.
(אַן אַרבעט, וואָס פּאַסט זיך נאָר פאַר אַ פערד),
ער דרייט פון דער פרי ביז שפּעט אינדערנאַכט—
טראַכטן מיר:—אים איז אויך, נעבעך, באַשערט...

אַרבעט דער שטומער אַ כוידעש און צוויי.
ס׳צאָלט אים דער באַס מיטן אָפּפאַל פון טיש.
און ער — אַלץ ער שווייגט, געבויגן זיין קאָפּ,
מיד, אַז ער שלעפּט זיך שוין קוים אַף די פיס.

מ׳שלעפּט אים באַס פאַלע: שטומאַק און שטומאַק!
מ׳שיקט אים נאָך בייגל, אין רעגן און שניי,
און ער לויפט אַרום וואו מען שיקט אים—
קריגט וואו אַ קענדל און קאָכט פאַר אונדז טיי.

קומט וואַרמעס-צייט, אַז מ׳זיצט און מ׳רעדט
פון די ביטערע ליידן, וואָס אונדז איז באַשערט,
נעמט דער שטומאַק דעם בעזים אין האַנט
און גייט צו צום טיש און קערט דאָרט און קערט...

* * *

איינמאָל פאַרנאַכט, ס׳איז פרילינג געווען.
אַוועק נאָך אַ טאָג אַן פרייד און אָן זון.
איך טו אָן מיין מאַנטל און וויל גיין אַהיים,
אַ בריוועלע ליגט, ניט ווייט פון מאַשין.

EDITH
MILLER

„הער נאַר, דו מיידל פון אַרבעט און נויט!
ווילסט וויסן דעם וועג צו פרייד און צו גליק?
זאָג פון דעם בריוועלע קיינעם ניט אויס,
און גיי ניט אַהיים, נאַר גיי וואו איך שיק.

פאַרנעם זיך אַף רעכטס, אַ וויאָרסט און אַ האַלב,
דערזעסטו דעם קלויסטער, די שטאָטישע באָד,
מוזטו גיין ווייטער, אַ וויאָרסט און אַ האַלב,
ביז דו דערזעסט דעם פּריצישן סאָד.

זאָלסט באַ קיינעם ניט פרעגן קיין וואָרט,
אַ מיידל אין ווייסן וועט זיצן אין גראָז:
זי'ט שמייכלען צו דיר—איז שמייכל צו איר,
און לייג-צו דיין מיטלסטן פינגער צום נאָז".

איך לייען און לייען, אין האַרצן מיר קלאַפּט:
ווער האָט דאָס בריוול געלייגט באַם מאַשין?
„אַ מיידל אין גראָז, אַ פינגער צום נאָז"—
נעמט עס מיך טאַקע ציען אַהין...

דער אָוונט איז קיל, דער אָוונט איז שטיל,
אָט איז דער קלויסטער, די שטאָטישע באָד,
איך גיי און איך גיי—פון בריוול געפירט,
ביז קום שוין דערלעבט דעם שטאָטישן סאָד.

עס זיצט טאַקע אַ מיידל, אין ווייסן געקליידט,
זי שמייכלט צו מיר, איך שמייכל צו איר.
מיר לייגן-צו ביידע די פינגער צום נאָז,
דערנאָך מאַכט זי: שוועסטערקע, קום וואו איך פיר.

ס'איז פרילינג אין סאַד, באַבלומט איז דער וועג,
אַ פייגעלע זינגט און באַגלייט אונדז די טריט.
די מיידל—זי קוקט אַהין און אַהער,
ס'זעט אויס, ווי זי וואָלט זיך פאַר עפּעס געהיט.

בליאונגען פאַלן אַף אונדזערע קעפּ,
און אָט איז מען שוין אין יאַגעדע־טאָל.
איך קוק זיך ארום — וואָס האָב איך דערזען ?
פון פאַבריק אַלע מיידלעך, אַ הונדערט אין צאָל.

צווישן די ביימער אַ ווינטעלע ווייעט,
איך קוק און איך טראַכט: — ווי קומען דאָ אַלע ?
וועט עפּשער פון ערגעץ באַלד קומען אַ פּרינץ
און אויסקלייבן זיך דאָ די שענסטע קאַלע ?

פּלוצלונג רופט אויס דאָס מיידל אין ווייסן:
„טייערע שוועסטער, איר זאָלט זיין געגרייט.
ס'וועט אימיצער ריידן דאָ באַלד פאַר אונדז"...
זיינען מיר טאַקע געוואָרן דערפרייט.

ווערט עס אין טאָל שטילער ווי שטיל,
מ'הערט ניט קיין וואָרט, מ'הערט ניט קיין הוסט.
פּלוצלונג באַווייזט זיך דער טויבער שטומאַק,
ער איז וואו געזעסן הינטער אַ קוסט.

—דער שטומער וועט ריידן ?—אין הארץ טוט
אַ קלאַפּ . . .
אַף צוויי קורצע ביימער איז געלעגן אַ ברעט.
שפּרינגט ער ארויף און פאַרנויגט זיך פאַר אונדז,—
דער טויבער שטומאַק שטעלט זיך און רעדט:

„טייערע שוועסטער, ניט זייט איבערראַשט,
איך וועל אייך איצט ווייזן, צו פרייהייט דעם וועג״.
ער רעדט אַזוי שיין, אין באַזילבערטער נאַכט,
ער ווייזט אונדז דעם וועג, צו פריידיקע טעג.

מיר זיינען אַף מאָרגן אַרוים אין אַ סטרייק,
שטום איז געבליבן די גאַנצע פאַבריק.
און דער טייערער כאַווער איז ווידער אַוועק—
ווערן אַ „שטומער״, אין אַן אַנדער פאַבריק.

מייסעס

אַ פלעשל מילך פאַר וויוויען

באַ מיסטער ברעדלין אין קעלער זיצט אַ מילך־מאַן און קוקט דורכן קליינעם פענצטערל. אפֿן שוועל שטייען דריי פלעשער מילך. קוקט ער אױף דער מילך און וואַרט. ס׳איז דריי אַזייגער, פיר און האַלב נאָך פיר און די מילך שטייט נאָך ניט גערירט. אין קעלער איז וואַרים, האָט דער מילך־מאַן אַביסעלע איינגעדרימלט. זיך ווידער אַ כאַפּ געטאָן. קוקט ווי־דער אױף דער מילך און טראַכט: מיסטער ברעדלי זאָל טאַקע זיצן אויבן אין פענצטער און היטן?

קומט אָן אַ נעגער־אינגל אין צעריסענע שיך, מיט אַן אַלטן מאַנטל און לויפֿט צו צו דער שוועל. אַרומקוקן דאַרף ער זיך ניט, ווייל אַלע שלאָפֿן. טוט ער אַ כאַפּ אַ פלאַש מילך און לויפֿט.

דער מילך־מאַן איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון קעלער, אַ שפרונג געטאָן אױף זיין אויטאָמאָביל און זיך אַ יאָג געטאָן נאָכן אינגל. דאָס נעגער־אינגל, אַ הויכער, אַ דאַרער, איז געלאָפֿן ווי אַ הירש, האַלטנדיק די פלאַש מילך, שטאַרק צוגעדריקט צום האַרצן.

— שטעל זיך אָפּ, דו גאַנעוו! לאָז מיך ריידן צו דיר!
— האָט דער מילך־מאַן נאָכגעשריען דעם צעשראָקענעם אינגל.

דאָס אינגל האָט אַ שליידער געטאָן די מילך און ווידער געלאָפֿן אַ צעשראָקענער, אַ פאַרמאַטערטער.

די קליינע וויוויען איז געלעגן אין וויג און מיט ברוינע, גרויסע אויגן געקוקט צו דער טיר, איר ברידערל לעסלי זאָל איר דערלאַנגען אַ פלעשעלע מילך. קוקט זי און קוקט און קוקט. ניטאָ לעסלי ווילסאָן, איר גרויסער ברודער.

לעסלים מאַמע ווייסט, אַז לעסלי גייט אַלע פֿאַרטאָג אַרויס און גרעלט און קומט מיט אַ פֿלאַש מילך. ליגט זי אַלע פֿאַרטאָג און מורמלט: „אָ לאָרד, גוטער, מיין לעסלי איז ניט קיין גאַ־נעוו. ס'איז פֿאַר וויוויען. לאָרד, מיין לאָרד, פֿאַרגיב אים, מיין זון".

וואַרט וויוויען, וואַרט איר מאַמע און אַט לויפֿט אַריין לעסלי אַ פֿאַרסאָפּעטער, אַ צעשראָקענער, שטעלט זיך אָפּ לעבן זיין שוועסטערלס וויגעלע און רעדט:

— נאָ מאַר מילק, וויוויען, נאָ מאָר — דער ווייסער מאַן האָט מיך געפּאַקט.

ווייסט ניט וויוויען וואָס ער רעדט, קוקט זי אים אין די הענט, און לעקט די קליינע ברוינע ליפּעלעך. דער טאַטע זייערער איז ווידער אַוועקגעגאַנגען זוכן אַרבעט.

שטייט דער דרייצן־יאָריקער לעסלי לעבן וויג און קוקט מיט שרעק צום פֿענצטער. דערהערט ער — קליפּ־קלאַפּ אין טיר. טוט ער אַ שפּרונג אונטערן בעט, ווי אַ קאַץ, אַ נאַשערן. זיין מאַמע האָט ווייסע ציין, מיט ווייסע אויגן, אינימטן מיט ברוינע רונדעלעך, ווי צוויי סענטן. לויפֿט זי צו צו דער טיר, שטרעקט אויס אירע דאַרע הענט און בעט זיך באַם מילך־מאַן:

— אָ, פֿיינער, גוטער מילך־מאַן, נעמט ניט מיין לעסלין צו דער פּאָליציי. ער דאַרף מאָרגן גיין אין סקול. ער האָט אַ גאָלדן האַרץ, מיין לעסלי, אָ לאָרד, אָ לאָרד!

דער מילך־מאַן האָט געזען לעסלים צעריסענע שיך אויף זיינע שוואַרצע, דינע פֿיס, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט פֿון אונטערן בעט, און לעסלי האָט אויך געזען דעם מילך־מאַנס שיך.

דער מילך־מאַן האָט געהערט, ווי די פֿרוי ווילסאָן דער־ציילט, אַז מ'וויל איר ניט געבן קיין רעליף, ווייל זי וואוינט ניט לאַנג אין דעם געגנט.

— אַ לאָרד, לאָרד! מיין מאַן אַרבעט שוין ניט צוויי יאָר — האָט זי זיך באַקלאָגט פאַרן מילך־מאַן.

דער מילך־מאַן האָט געקוקט, ווי ווייוויען זויגט איר פינ־גערל און ער האָט געקלערט וועגן דעם, וואָס זיין באַלעבאָס האָט אַזויפיל מילך.

דער מילך־מאַן איז אַרוים צום וואָגן און אַריינגעבראַכט צוויי פלעשער מילך.

— נעמט אייך די מילך פאַר אייער בעיבי, ס׳איז אַף מיין רעכענונג. אָבער מער קען איך ניט געבן...

לעסלי איז אַרויסגעשפרונגען פון אונטערן בעט און גע־נומען ווארעמען די מילך פאַר זיין שוועסטערל.

באַרני און שינג־לי באַקענען זיך דורך לענינס בילד

שינג־לי, דער כינעזישער לאָונדרי־מאַן, קוקט שוין דורכן פענצטער. ביז היינט איז ער געווען עלנט. שינג־לי איז דער איינציקער כינעזער אין אונדזער שטעטל. כאָטש ער טראָגט ניט קיין צאָפּ, פונדעסטוועגן שטעלן זיך די קינדער אָפּ לעבן זיין פענצטער. זיי קוקן מיט נייגעריקייט אָף די געבלימלטע גאַרדינען, וואָס טיילן אָפּ זיין קליינע היים פון זיין אַרבעט־צימער, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט זען, וואָס הינטער זיי טוט זיך... אָפט שטעלן זיי אים אַרויס אַ צונג און לויפן אַוועק, לאַכנדיק.

שינג־לי טשעפּעט ניט די אינגלעך. עפּשער קינדער פון זיינע קונדן. קוקט ער אפילע זעלטן אין פענצטער. ער שטייט שטילינקערהייט און פּרעסט די קלאָרע העמדער.

שפּעט באַנאַכט, ווען אַלע געשעפטן בלייבן פאַרשלאָסן, ווען נאָר די קאָלירטע אַרטיקלען שיינען דורך די באַלויכטענע שויפענצטער, איז שינג־לי אָפט דער איינציקער וואַכעדיקער מענטש אָף דער עוועניו.

מיט זיין רוקן צום געבלימלטן גאַרדין, וויגט ער זיך אָפן אַלטן וויג־שטול, לייענט אַ בוך אָדער אַ ציימונג, ביז ער גייט אַריין הינטערן גאַרדין.

אין זעלביקן שטעטל, וואוינט אַ אינגל, וואָס הייסט באַרני, און וואָס האָט האַלד צו קלייבן קנעפּלעך. ווילסט אַ קנעפּל מיט אַ סערפּ און האַמער? באַרני האָט עס. ווילסט אַ קנאָפּ מיט לענינען? באַרני האָט עס. און אָט טראָגט ער אַזאַ קנאָפּ אין לאַץ. גייט ער פאַרביי שינג־לים פענצטער, זעט ער אינגלעך קוקן אַריין, שטעלט ער זיך אויך אָפּ. אָפן פענצטער

שטייט אַ גלעזערנער טאָפּ מיט גאָלדענע פישעלעך. אַ כי־נעזישע ליאַלקע־מיידעלע זיצט אויך אין וואַסער, מיט אַ בלויען שירעמל. זי טראָגט אַ ראָזעווע קליידל און די גאָל־דענע פישעלעך דרייען זיך אַרום איר.

שטייען די אינגלעך, קוקן און קוקן און פאַרגעסן זיך דער־ווייל אים אַרויסצושטעקן די צינגער.

קומט שינג־לי צו צום פענצטער. דערזען, אַז שינג־לי קוקט דורכן פענצטער, זיינען זיך די אַנדערע אינגלעך צע־לאָפן. געבליבן איז נאָר באַרני. קוקט שינג־לי אָף באַרנין און באַמערקט דעם קנאָפּ מיט לענינס בילד אָף זיין לאַץ.

שמייכלט שינג־לי. ווערט באַרני דרייסטער. שמייכלט ער אים צוריק אין פּאָנים. ווערן באַ שינג־לין די אויגן ווי זיל־בערנע שפּעלטלעך, די ליפּן דין. אַ שמייכל צעלייגט זיך איבער זיין גאַנצן פּאָנים.

— קאָם, קאָם, — רופט אים שינג־לי מיטן פינגער, ער זאָל אַריינגיין צו אים.

איצט האָט שוין באַרני מוירע געקראָגן. דער צען־יאָ־ריקער באַרני האָט זיך דערמאָנט אַ מייסע פון דער ראַדיאָ, אַז אַ „טשינקי" (כינעזער) איז אַ שרעקלעכער מענטש. רוקט ער זיך אָפּ פון פענצטער און וויל אַהיים לויפן.

נעמט שינג־לי אָף גיך אַרויס אַ ביכל, עפנט דאָס פאַנאַנ־דער און ווייזט אָן באַרנין אָף לענינס בילד.

— לענין, — מאַכט ער, — לענין, מי־לענין־מען!

באַרני האָט געהערט די רייד, איז ער אַריין צו שינג־לין.

— מאַי קאַמעראַד! — האָט שינג־לי אויסגערופן.

— יעס, יעס, — האָט באַרני צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אים געגעבן די האַנט און אַהיימגעלאָפן דערציילן זיין טאַטן.

מעיפל וואַרט אַפן פרילינג

איר ווייסט, קינדער: דאָס מעיפל-בוימל דערגרייכט שוין מיין פענצטער. אַמאָל איז עס געווען פון אַלע ברידערלעך דער קלענסטער.

לעצטן זומער האָט שוין מעיפל געבראַכט נוצן. מיין גאַס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אים פוצן. זיין געדיכטער קאָפּ האָט אַפן אספאַלט אַ רונדן שאָטן געמאַכט. האָבן מאַמעס זייערע קינדערלעך אַהין געבראַכט און זיי געלייגט שלאָפן. קינדער פלעגן זיך קומען שפּילן אונטער מעיפלס געדיכטע לאָקן. קינ-דער האָבן אין זיין קאָפּ, אַ נעסט געמאַכט. מעיפל איז געווען זייער שטאָלץ, וואָס אַלע זיצן אַרום אים. ער איז פון אַלעמען העכער, טוט אַ ווינט אַ בלאָז, ווערט ער גאָר אַ פּעכער.

איצט איז קאַלט געוואָרן. דער ווינט האָט די קינדער אין די הייזער פאַרטריבן. איז מעיפל אומעטיק געבליבן. ער קוקט און קוקט, אים איז אַ וואונדער: וואו זיינען דאָס אַהינ-געקומען אַלע קינדער? און וואו זיינען די מאַמעס מיט די וועגעלעך?

לעצטע נאַכט האָט מעיפל מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. אַ פוילער געוויטער האָט אָנגעהויבן אויסטאָן זיין בראָנז-גאָל-דענעם גאַרניטער. מעיפל האָט זיך געבעטן: ס׳איז מיר קאַלט, רייס ניט פון מיר מיינע בלעטער. טו עס כאָטש אַביסל שפּע-טער. אָבער דער בייזער געוויטער האָט ניט געוואָלט ווין, ער האָט געריסן און געשליסן, ביז ער האָט שוין ניט געהאַט וואָס צו פליקן און געלאָזט מעיפלען אַ וויינענדיקן.

אינדערפרי, ווען די זון האָט אויסגעריבן אירע אויגן,

האָט מעיפל צו איר זיינע הענט אויסגעצויגן: זע, זון, ווי דער וועטער האָט מיך געלאָזט אָן שום בלעטער.

איז די זון צו מעיפלען צוגעקומען, אים מוטערלעך אַרומגענומען און אים געטרייסט: ציטער ניט מעיפעלע אַזוי, וועסט באַלד קריגן אַ ווייסינקן גאַרניטערל פון שניי. און איידער דו וועסט כאַפּן אַ פאַרקילונג, וועט אָנקומען דער פרילינג.

האָט מעיפל אַ ווײַלע געטראַכט און דערנאָך זיך צעלאַכט...

מעיפל וואָלט געוואָלט, אַז דער פרילינג זאָל שוין איצט קומען און ער זאָל זיך צעגרינען, צוזאַמען מיט אַלע גראָזן און בלומען. וואַרט ער, און וואַרט, מעיפל, אומגעדולדיק, הויל און דין, וויגט זיך און וויגט זיך, אַהער און אַהין.

דער פויגל, וואָס האָט געזוכט קאָוועד

אין אַ וואַלד, האָט געוואוינט אַ פויגל. דער פויגל איז גע־וועזן זייער אַ שיינער, שענער פון אָרעם-בענדער, שענער פון פּאַטשערקעס, שענער, אַפילע, פון שטיקלעך גלאָז, וואָס בליש־טשען אַנטקעגן דער זון.

האָט זיך דער פויגל זייער שטאָלץ געהאַלטן, געוואָלט, אַז די געוויינלעכע פייגעלעך זאָל אים באַדינען, אָפּגעבן קאָוועד און לויבן זיין שיינקייט.

די פייגעלעך האָבן אָבער באַדאַרפט בויען זייערע נעסטן, האָדעווען זייערע קינדערלעך, און זיי האָבן ניט געהאַט קיין צייט צו לויבן דעם פויגלס שיינקייט. באַדינען האָבן זיי אים טאַקע ניט געוואָלט, ווייל דער פויגל איז געווען געזונט און האָט געקענט אַרבעטן אַליין.

איז דער פויגל בייז געוואָרן און ער האָט באַשלאָסן אַראָפּ־צופליען אַף דער ערד.

— אונטן, אַף דער ערד, וועל איך זיך קענען אויסבאַרימען, — האָט דער פויגל געטראַכט.

איידער ער איז אַראָפּגעפלויגן אַף דער ערד, האָט דער פויגל אויסגעריסן אַ פעדער פון אַ פרעמדן פויגל, איז אַרויפ־געפלויגן צום רעגן-בויגן, האָט איינגעטונקט די פעדער און געפאַרבט זיין שנאָבל אין די פאַרבן פון רעגן־בויגן; נאָכדעם איז ער צוגעפלויגן צו אַ טייכל, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין קלאָרן וואַסער — און איז אַראָפּגעפלויגן אַף דער ערד צווישן די מענטשן.

דער פויגל איז געפלויגן און געפלויגן, ביז ער איז געקו־

מען אין אַן אָרים געסל, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַף אַ דעכל און גענומען רופן:

— קאַ־קאַ־קאַ!

זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן קינדערלעך.

— אַ פויגל, אַ פויגל, אַ שיינער פויגל! — האָבן די קינדערלעך געשריען און געפּאַטשט מיט די הענטעלעך.

איז אין דעם אָרימען געסל געוואָרן אַזאַ פרייד. די קינדערלעך האָבן געבראַכט שטיקלעך ברויט, קערנדלעך און האָבן געוואָרפן דעם פויגל צו עסן.

און דער פויגל איז געווען אַזוי שיין אַפן דעכל, אַנטקעגן דער זון, שענער פון אַ גאָרטן מיט בלומען, שענער פון דעם טייכל, אין וועלכן די זון האָט זיך געשפּיגלט.

הין און צוריק האָט דער פויגל שפּאַצירט איבערן דעכל, פאַנאַנדערשפּרייטנדיק דעם עק, אַזוי ווי אַ שיינעם פעכער. און געוואָרט האָט דער פויגל, אַז די קינדער זאָלן רופן זיין בעקאַוועדיקן נאָמען.

די קינדערלעך האָבן אָבער ניט געוואוסט זיין נאָמען. איז דער פויגל בייז געוואָרן, האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגלען און איז אַוועקגעפלויגן.

זיינען די קינדערלעך געוואָרן זייער אומעטיק און נאָכגעשריען דעם פויגל:

— פייגעלע, פייגעלע, פלי ניט אַוועק, מירן דיך ליב האָבן, מירן דיר געבן עסן; קום מאָרגן, קום מאָרגן!

דער פויגל האָט זיך אַפילע ניט אומגעקוקט און איז אַוועקגעפלויגן זוכן קאָוועד.

איז ער געפלויגן, געפלויגן, און געפלויגן, ביז ער האָט דערזען גאָלדענע שפּיצן פון אַ פּאַלאַץ, אַרומגערינגלט מיט אַ שיינעם גאָרטן. האָט זיך דער פויגל אַראָפּגעלאָזט אין גאָרטן אַריין, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף אַ גאָלדן בענקעלע, אָנגעבלאָזן זיך און גענומען רופן:

— קאַ־קאַ־קאַ!

איז אַפּילע קיין איין קינד ניט געקומען.

נאָר אַ פרוי מיט אַ מאַן זיינען אַרוים פון פּאַלאַץ. די דאַמע האָט אַ קוק געטאָן אויפן פויגל און זי האָט מיט פרייד אויסגעשריען:

— אַ פויגל! אַ פליגל פאַר מיין הוט!...

דער פויגל האָט ניט פאַרשטאַנען די פרייד פון דער דאַמע, האָט ער זיך געוואָלט אויספּיינען פאַר זיי, באַווייזן זיין שיינקייט און נאָך מער זיך אָנגעבלאָזן.

אויפן צווייטן טאָג האָבן די שיינע פליגלען פון דעם פויגל באַצירט דער רייכער דאַמעס הוט.

און זיין קערפּער איז געלעגן אויפן מיסט.

דער גאַלעך

איין זונטיק פרי, ווען אַלגאַס טאַטע איז געלעגן אונטער אַן אויטאָמאָביל און געאַרבעט, דערהערט ער:

— גוט מאָרגן, ברודער. אום זונטיק אַרבעט איר?

קריכט ער אַרויס פון אונטערן אויטאָמאָביל, ערשט, ער טוט אַ קוק, אַ גאַלעך שטייט לעבן אים.

— מיר אַרבעטן ווען מיר האָבן, — האָט אַלגאַס טאַטע געענטפערט קורץ, און ווידער אַרונטער אונטער דער קאַר.

אַז ס׳איז שטיל געוואָרן, האָט ער געמיינט, ער איז פון דעם גאַלעך שוין פּאָטער געוואָרן. ערשט, ער גייט אַריין אין שטוב — דער גאַלעך טיינעט איין מיט זיין ווייב, וועגן שיקן די קינדער אין סאַנדעי־סקול.

— ווי איך זע, אַרבעטסטו אויך אום זונטיק, נאָר דו קריגסט אַסאַך מער באַצאָלט פאַר דיין אַרבעט, — האָט דער אייזן־אַרבעטער זיך געווענדט צום גאַלעך מיט אַ שטרענגען קאָל.

— ניין, ניין, ברודער, איך אַרבעט פאַר גאָט און פאַר אייך, — האָט דער גאַלעך געשמאָלט, און זיינע צעשראָקענע אויגן האָבן געפינטלט, קוקנדיק אַף דעם אייזן־אַרבעטערס קרעפּטיקע אָרעמס.

מער ווי אַף אַלעמען, האָט דער גאַלעך געקוקט אַף דער אכט־יאָריקער אַלגאַ. „די צוויי גרויסע, זיינען שוין „פאַרפאַלע־נע", — האָט דער גאַלעך געטראַכט.

דזשאָן האָט אים געפרעגט:

— אַז יעזוס איז אַזאַ גוטער, טאָ פאַרוואָס העלפט ער ניט די אַרבעטלאָזע?

— יעזוס איז אַ קאַפּיטאַליסט, — האָט זיין גרעסערע שוועסטער געלאַכט.

יאָ, די צוויי גרויסע זיינען דעם פאַטערס קינדער, אָבער אַלגאַן, זי וועט ער שוין פון אויג ניט אַפּלאָזן.

די גאַנצע צייט שטייט זי און הערט זיך איין, וואָס ער רעדט מיט איר מאַמען.

איז דער גאַלעך צוגעגאַנגען צו אַלגאַן און איר גענומען גלעטן, ריידנדיק צו איר טאַטן:

— שיינע קינדערלעך האָסטו, ברודער. מ׳דאַרף פאַר זיי האָבן אַסאַך געלט. ניט אַזוי, ברודער? אָך, סאַראַ ווייכע לאָקעלעך זי האָט, דיין אַלגאַ, ברוינע, אַזוי ווי דיינע, און אויגן האָט זי דיין ווייבס.

אַז דער גאַלעך האָט דערזען, אַז דער אייזן־אַרבעטער הערט זיך וויניק צו צו זיינע רייד, נאָר ער פרעגט גאָר אַלע ווײַלע, וויפל דער זייגער איז, האָט דער גאַלעך געריבן זיינע ווייסע הענט און געזאָגט:

— איצטער, קינדערלעך, וועל איך אייך זאָגן אַ גוטן טאָג. איך גיי איצטער צו אַ שוסטער. זעקס קינדערלעך האָט ער, און ער גייט, נעבעך, אַרום אָן אַרבעט. איין מיידעלע הייסט טערעזאַ, טאַנצט זי בּאַ אונדז אין סאַנדעי־סקול, האָבן מיר איר געקויפט אַ הימל־בלויע קליידעלע מיט ווייסע שיך. דיר, אַלגאַ, וואָלט אויך געפּאַסט אַזאַ קליידל.

אַז דער גאַלעך האָט דערזען, ווי אַלגאַס טאַטע עפנט ברייט די טיר, האָט ער גענומען זוכן זיין רעגן־שירם און געזאָגט שטיל און מיט געבעט:

— דאַרפסט ניט זיין בייז, ברודער. איך זע, אַז דו ביסט אָרים. מיר העלפן אַזוינע, וואָס גייען אין יעזוסעס וועג. דיינע קינדער וועט דאָך גאָרניט שאַטן, ווען איך וועל זיי נעמען אין סאַנדעי־סקול.

ווען אָלגאַ האָט דערזען, אַז דער גאַלעך טוט שוין אָן זיין הוט, האָט זי אויסגערופן:

— מיסטער פאַדער! מיסטער פאַדער! וואַרט אַ ווײַלע, איך וועל דיר מיטגעבן אַ ביכעלע פאַר דעם שוסטערס קינדער, אַ שיין ביכעלע.

— אַהאַ, — האָט זיך דער גאַלעך געריבן די הענט, — אַ ביכעלע. זי וויל זיך שוין באַקענען מיט אונדזערע קלויסטער־קינדער.

— נו־נו, לאָז זען דאָס ביכעלע. איך וועל דאָס זיכער איבערגעבן דעם שוסטערס קינדערלעך, — האָט דער גאַלעך געווישט זיינע ברילן מיט אַ זיידן טיכעלע און צופרידן גע־שמייכלט.

אַז אָלגאַ האָט אים דערלאַנגט אַ „פּיאָנער”, האָט ער געקוקט, געקוקט. זיינע אויגן זיינען גרעסער געוואָרן, ביז ער האָט אויסגעשריען:

— וואָס, קאָמוניסטישע ליטעראַטור?! ניט קיין וואונדער!

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין רעגן־שירם און איז אַרויסגע־לאָפן, באַגלייט מיט אַ געלעכטער פון דעם אייזן־אַרבעטער און זיינע קינדער, און איז מער קיינמאָל ניט געקומען.

„מיד" אָדער „מעד"

בלימעלעס טאַטע איז אַ פּרעסער. ער פּרעסט זיידענע קליידער פאַר רייכע מענטשן. בלימעלע איז אַ בלאָנדע, מיט בלויע אויגעלעך. זי איז שוין פינף יאָר, און גייט אין קינדער־גאָרטן. זונטיק, גאַנץ־פרי, אַז אין קיך איז שאַ, שטיל, כאַפּט זיך בלימעלע אויף די ערשטע און שרייט אויס: „וואָס איז היינט?" רופט זיך אָפּ איר טאַטע: „היינט איז זונטיק, בלימעלע!" טוט בלימעלע אַ שפּרונג, און זי איז שוין מיטן טאַטן. הויבט זיך אָן אַ קושעריי, אַ שטיפעריי. דערנאָך ברענגט בלימעלע איר טאַטן זיינע זונטיקדיקע שיך, טוט זיך טאַטע אָן, און מ'נעמט שטיפן, זינגען, שפּרינגען, שפּילן אין פערדלעך. איז אַלע זונטיק זעט בלימעלעס טאַטע אויס ווי אַ קליין אינגל.

איין זומער־פאַרנאַכט, עס איז געווען זייער, זייער היים, זיצט אַזוי בלימעלע אַף דער שוועל און אַלע מאָל טוט זי אַ פרעג בא איר מאַמען: „מאַמע, ווען איז זונטיק?" וואַרט זי אַזוי, און וואַרט, און וואַרט, און איר טאַטע איז נאָך ניטאָ. ווייל עס איז געווען זייער היים, האָט ער זייער אַסאַך זיידענע קליידער צו פּרעסן פאַר רייכע פרויען, וואָס פאָרן זיך באָדן. אַז מ'האָט שוין געגומען צינדן פייער אין די שטיבער, איז איר טאַטע אָנגעקומען. טריט־בא־טריט איז ער געגאַנגען, אין איין האַנט געהאַלטן זיין רעקל און מיט דער צווייטער זיך געווישט זיין שטערן.

דערזען איר טאַטן, שרייט בלימעלע אויס: „טאַטע, טאַטע, טאַטעלע!" שפּרינג־שפּרונג און זי הענגט שוין אַף איר טאַטנס האַלדז און קוש־קוש. האָט איר טאַטע אַפילע

ניט קיין שמייכל געטאָן. אַרונטערגענומען בלימעלעס הענטלעך פון זיין האַלדז, און געבעטן בלימעלען: „זע, בלימעלע, הענג דיך ניט אָן אָן מיר, איך בין מיד". ווערט בלימעלע זייער אומעטיק, נעמט נאָכגיין איר טאַטן. און איר טאַטע זעט אַפילו ניט, אַז זיין מיידעלע גייט אים נאָך, וויינענדיק שטי־לינקערהייט.

אַז מ׳זעצט זיך עסן, זעט מען — בלימעלע פעלט באַם טיש. לויפט די מאַמע זי זוכן, זוכט זי און זוכט און זוכט. זי טוט אַ קוק — בלימעלע שטייט אין פאָר־הויז, אין אַ ווינ־קעלע, און וויינט. האָט זיך די מאַמע דערשראָקן און גע־פרעגט: „וואָס איז, מיין קינד, וואָס וויינסטו?" ענטפערט בלימעלע: „איך וויין, ווייל פּאַפּע איז „מעד" אָף מיר. ער האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז ער איז „מעד". נעמט די מאַמע ס׳קינד פאַרן האַנט, פירט עס צו צום טאַטן און פרעגט: „זאָג נאָר, טאַטע, פאַרוואָס ביסטו „מעד" אָפן קינד?" קוקט דער פרעסער אָן זיין ווייב און קינד, און צעלאַכט זיך: „כאַ־כאַ־כאַ! „מעד" גאָר!" דערנאָך נעמט ער קושן בלימעלען און זאָגט איר: „איך בין „מיד", בלימעלע, ניט „מעד". האָט מען זיך געקושט און געקושט. אַז דער טאַטע האָט געגעסן, האָט זיך בלימעלע געשטעלט הינטערן טאַטן און געזאָגט: „טאַטע, איך הענג מיך ניט אָן אָף דיר, איך הענג מיך אָן אָפן שטול".

שפּעטער, אַז בלימעלעס טאַטע איז געזעסן און געלייענט, האָט ער געהערט ווי בלימעלע פרעגט פון שלאָף: „טאַטע, „מיד" צי „מעד"? איז ער אַוועק צו איר, איר גוט איינגע־דעקט און איינגערוימט אין איר אויערל: „מיד, מיד, בלי־מעלע, ניט „מעד", און זי געקושט און געקושט.

די צוויי כאַווערימלעך און דער סקעב־טאַטע

יאַנקלס טאַטע איז אַ פּאַריער. ער גרייט צו פוטער, אַז די רייכע מענטשן זאָלן האָבן וואַרעמע מאַנטלען. נאָר איצטער סטרייקט יאַנקעלעס טאַטע. איר ווייסט דאָך וואָס אַ סטרייק מיינט? טאַטעס ווילן, אַז זייערע קינדער זאָלן האָבן גענוג עסן; רייטוועגעלעך, ליאַלקעס, מאַנטעלעך; מאַמעס זאָלן האָבן רוי־טע באַקן; טאַטעס זאָלן קענען קומען פרי אַהיים פון שאַפּ, אַז זיי זאָלן זיך קענען שפּילן מיט זייערע קינדערלעך. טאַטעס ווילן אויך, אַז זיי זאָלן קענען וואוינען אין שטיבער, וואו עס איז פאַראַן אַסאַך פענצטער און גערטנדלעך אַרום הויז. סטרייקן זיי, די טאַטעס, פאַר מער געלט און פאַר ווייניקער אַרבעט־שאָען, סטרייקט איצט פאַר דעם אויך יאַנקעלעס טאַטע.

זינט יאַנקעלעס טאַטע סטרייקט, ווייסט יאַנקעלע אַלצ־דינג. ווייל וואו זיין טאַטע גייט, גייט יאַנקעלע מיט מיט אים. ווייסט ער שוין וואָס „סקעב" מיינט, וואָס „סטרייק" מיינט. ער ווייסט שוין אויך, אַז מ'טאָר ניט בעטן קיין פינאַטס ווען אַ טאַטע סטרייקט.

ער טוט שוין אַפילע וואָס אַלע גרויסע מענטשן טוען. שטעקט זיין טאַטע אַריין זיינע הענט אין די קעשענעס, שטעקט יאַנקעלע זיינע הענטלעך אויך אַריין אין זיינע קע־שענעס. קוקן די גרויסע אין ציטונג, קוקט יאַנקעלע אויך אַריין אין ציטונג.

איין טאָג זיצט ער אַזוי לעבן טאַטן, הערט זיך איין וואָס מ'רעדט. הערט ער, מ'רעדט, אַז זיין כאַווער בענים טאַטע איז אַ „סקעב". קלערט יאַנקעלע: אוי־ווי, זיין כאַווערס טאַטע — אַ סקעב! אַזאַ גוט אינגל, האָט נעבעך אַ טאַטן אַ

סקעב, אוי־ווי, אוי־ווי, ער׳ט אים שוין מאָרגן דערציילן.

אױף מאָרגן, ווי יאַנקעלע האָט נאָר דערזען בענין אױפן שול־הויף, לויפט ער צו צו אַ צעטראָגענער און טוט אים אַ פרעג: „בעני, דו ווייסט, דיין טאַטע איז״ —

מאַכט בעני: — „וואָס איז ער?״

דערקלערט אים יאַנקעלע: „דיין טאַטע איז אַ סקעב״. ווייסט בעני אפילו ניט וואָס דאָס מיינט. פרעגט ער איבער זיין כאַווער: — „וואָס איז דאָס אַזוינס?״ — „ער איז אַ קרוק״, — צעלאַכט זיך יאַנקעלע. „סקעב, סקעב, ווייסט אפילו ניט וואָס סקעב מיינט? ס׳איז אַזוי ווי דו וואָלסט אויסזאָגן דער לערערן, אַז מיר לאַכן פון איר, ווען זי גייט אַרויס פון קלאַס״.

זעט שוין בעני, אַז ס׳איז ניט קיין שיינע זאַך. טוט ער אַ געשריי: „מיין טאַטע איז ניט! ער איז אַ טאַטע און דאַ־צאַל״. שרייט יאַנקעלע: „ער איז יאָ!״ און בעני שרייט: „ער איז ניט״. ביז בעני רופט זיך אָן: „ווייסטו גאָר וואָס, איכ׳ל פרעגן מיין טאַטן אַליין. טאַקע היינט פרעג איך אים״.

באַנאַכט, ווען בענים טאַטע איז געקומען פון סקעבן, לויפט אים בעני אַנטקעגן און וויל אים פרעגן. פאַרגעסט ער דערווייל דאָס וואָרט. הויבט ער אָן: „טאַטע וואָס ביסטו? ווייל איך האָב פאַרגעסן, יאַנקעלע ווייסט״. קוקט אים זיין טאַטע אָן: — „נו, נו, זאָג שוין וואָס דו ווילסט וויסן״. שטייט בעני, טראַכט און טראַכט, וויל זיך דערמאָנען, ביז זיין טאַטע ווערט בייז און צעשרייט זיך אױף אים: „גיי אַוועק פון מיר, דריי ניט דעם קאָפּ, וואָס בין איך דען? איך בין אַ טאַטע און שוין״.

אָבער בעני לאָזט אים ניט אָפּ: „טאַטע, ביסט אַזאַ זאַך, וואָס מען דאַרף זיך שעמען, אַז מען איז דאָס? יאַנקל ווייסט, נאָר איך האָב פאַרגעסן, אוי־אוי־אוי, אָט ערשט האָב איך עס געוואוסט״.

ווען בעני האָט זיך געשפּילט אין גאַס, האָט ער זיך דער־מאָנט. לויפט ער אַריין אין שטוב. זיין טאַטע איז געזעסן און געגעסן. גייט ער צו גיך־גיך, ער זאָל ניט פאַרגעסן, און טוט אַ זאָג: „זאָג נאָר, טאַטע, ביסטו אַ סקעב, צי ניט? יאַנקעלע זאָגט, דו ביסט אַ סקעב״.

איז זיין טאַטע געוואָרן רויט ווי אַ בוריק, געטאָן אַ קוק צו דער מאַמען און זיין מאַמע האָט געזאָגט: „זעסט, קינדער רעדן שוין אויך! ווײ צו אונדזערע יאָרן״.

דערהערט, אַז ס׳איז טאַקע עמעס, אַז זיין טאַטע איז טאַקע אַ סקעב, האָט ער גענומען בעטן: „טאַטע, זײ ניט קיין סקעב, יאַנקעלע סוידעט זיך וועגן מיר מיט אַלע אינגלעך. יאַנ־קעלע זאָגט, עס איז נאָך ערגער פון אַ „סקווילער״ (אַ מאָסער), זײ ניט, טאַטע, איך קען ניט גיין אין סקול מאָרגן. זײ דאָס ניט, אוי, זײ דאָס ניט״.

איז זיין טאַטע געוואָרן זייער, זייער בייז און אָנגעהויבן שרייען אַף בענין: „דו אָקס איינער, קאָנסט אים ניט געבן אַ קנאַק אין פּיסק אַריין? ביסט דאָך אַ יאָר עלטער פון אים! מ׳גיט אים אַ קנאַק אַריין! וועט ער וויסן, דער קליינער באַל־שעוויק, דיך ניט צו רופן סקעב.

האָט בעני געטראַכט אַ ווײלע און געענטפערט:

— קנאַקן אין פּיסק אַריין קאָן איך אים ניט, ווייל מיר זיינען שוין פריינט אַ לאַנגע צייט. מאָרגן גייען מיר זיך באָדן צוזאַמען, און איך קום אים נאָך זעקס „רייפּעלעך״.

האָט אים זיין טאַטע אַוועקגעטריבן שלאָפן און בעני האָט געוויינט און געוויינט. די מאַמע האָט אים געווישט זיינע אויגן מיט איר פאַרטוך און גערעדט צו זיך: „אַז קינדער רעדן שוין, איז וואָס קאָן שוין זיין ערגער״.

אַ מייסע פון אַ קאַרגן אינגל מיט זיין שליטעלע

אַז פייווקע איז אַלט געוואָרן אַכט יאָר, האָט זיין טאַטע אים געקויפט אַ שליטעלע. נעמט פייווקע אַ מעסערל און שניידט אויס זיין נאָמען. אַפן ברעטל פון שליטעלע, טיף אין האָלץ, האָט ער אויסגעשניטן: „פייווקע״.

אַוועק צום גליטש און רופט אויס:

— קינדער, אָט האָב איך אַ שליטעלע! אַפן שליטעלע האָב איך מיין נאָמען. און פּרובירן זאָל ווער אַנרירן מיין שליטעלע!

האָבן זיך די אינגלעך אַרומגעקליבן אַרום פייווקען מיט זיין שליטעלע. איינער האָט געזאָגט:

— ווייסט, פייווקע, האָסט געדאַרפט אויסשניידן נאָך אַ נאָמען אַף דיין שליטעלע: „דער קאַרגער״. „פייווקע, דער קאַרגער״ איז אַ גאַנץ פּאַסיקער נאָמען פאַר דיר.

— קאַרגער, קאַרגער! — האָבן אַלע קינדער אונטער־געכאַפּט.

— בינד אָן אַ גרין בענדעלע, וועסטו וויסן, אַז דאָס שליטעלע איז דיינס, — האָט אַ מיידעלע אָפּגעלאַכט פון אים.

און פייווקע איז געשטאַנען פאַרשעמט און ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן.

גליטשן זיך אַזוי די קינדער זאַלבעדריט, מ׳בינדט צו דריי־פיר שליטעלעך צוזאַמען, און הו־הא, הו־הא! אַרויף און אַראָפּ דעם באַרג. נאָר דער איינציקער פייווקע גליטשט זיך איינינקער אַליין. ניט ער אַנטלייט זיין שליטעלע, ניט ער נעמט עמיצן אַרויף אַף דעם.

אַז אַלע קינדער בינדן צוזאַמען זייערע שליטעלעך, לאָזן זיי אַרויף די קינדער, וואָס האָבן ניט קיין שליטעלעך, ווערן זייערע שליטעלעך צעבראָכן, קריגן זיי נייע שליטעלעך, גרע־סערע, ניי־מאָדישע, נאָר איין פּיווקע גליטשט זיך אויף זיין קליין שליטעלע.

אַליין איז ער הויך, שוין צוועלף יאָר, און אַז ער גליטשט זיך אַרונטער דעם באַרג, שלעפּט ער נאָך זיינע פיס.

נעמט נאָך אַ אינגל און טראַכט אויס אַ לידעלע וועגן פּיווקען מיט זיין שליטעלע. און ווי נאָר ער קומט צו צום גליטש, זינגען אַלע קינדער דאָס לידעלע:

„פּיווקע דער קאַרגער,
ווײַ! ווײַ! ווײַ!
אויף זיין פּיצל שליטעלע
מיט די לאַנגע פיס אין שניי”.

ווערט פּיווקע פאַרשעמט. גייט אַהיים און בעט זיין טאַטן:

— טאַטע, קויף מיר אַ שליטעלע.

באַטראַכט זיין טאַטע דאָס שליטעלע און ענטפערט:

— דו האָסט דאָך נאָך גאָר אַ גוט שליטעלע, צו וואָס דאַרפסטו אַ נייס? אַז דו וועסט דאָס צעברעכן, וועל איך דיר קויפן אַ נייס.

קלערט פּיווקע: צעברעכן — אַ גרויסער קונץ. מאָרגן ווערט ער פּאַטער פון דעם.

אויף מאָרגן נעמט ער זיין שליטעלע, שטעלט עס אַוועק אינמיטן גאַס, באַהאַלט זיך הינטער אַ בוים, און וואַרט, אַז אַ פור זאָל עס אַריבערפאָרן. פאָרט טאַקע אַ פור. דערזעט דער פורמאַן אַ שליטעלע אינמיטן גאַס. שפּרינגט ער אַראָפּ,

טוט עס אַ כאַפּ, טוט דאָס אַ גליטש אַרונטער צו די אינגלעך, אויסשרייענדיק:

— העי, אינגלעך! ווער לאָזט דאָס איבער אַ גוט שליטעלע אינמיטן וועג?

דערזעט מען, ס׳איז פּייווקעס שליטעלע. וויל עס קיינער ניט אָנרירן. ביז פּייווקע קומט צו צום גליטש און געפינט זיין שליטעלע:

קלערט ער נאָכאמאָל: „ער ווייסט שוין וואָס צו טאָן". נעמט ער איין אָפּדערנאָכט, טראָגט אַוועק זיין קליינינק-שליטעלע, וואו עס וואוינט אַ אינגעלע, וואָס האָט ניט קיין שליטעלע. שטעלט עס אַוועק לעבן טיר און לויפט אַוועק אַהיים, און זאָגט צום טאַטן:

— ווייסט, טאַטע, מען האָט צוגעגאַנוועט מיין שליטעלע.

האָט זיין טאַטע עפּעס געקוקט מאָדנע אָף אים, און געפרעגט:

— וואָס עפּעס צוגעגאַנוועט אינמיטן דערינען? האָסטו דאָס אַזוי געהיט?

פּייווקע האָט זיך אַרונטערגעבויגן אונטערן טיש, קלוימערשט אויפהויבן עפּעס, און די מאַמע האָט געזאָגט:

— נו, נו, מיסטאָמע האָט עס גענומען אַ קינד, וואָס האָט ניט קיין שליטעלע, אָן אָרים קינד. זאָל ער עס נוצן געזונטערהייט, און דו, פּייווקע, וועסט קריגן אַ ניי שליטעלע.

ווערט פּייווקען זייער, זייער פריילעך אָפן האַרצן. ער קלערט, ווי אַזוי ער וועט צוקומען צום באַרג מיט זיין נייעם שליטן. וועט ער אַ זאָג טאָן:

— קינדער, היט אייך! מיין שליטן איז אַ שווערער! ער וועט צעברעכן אייערע שליטעלעך אָף פּיצלעך!

און אַלע קינדער וועלן זיך צעלויפן, סאַלי, מאַלי, נייטן, אַלע וועלן קוקן אָף אים. פּענין און ביטריסן וועט ער יאָ אַרויפנעמען אָף זיין שליטן.

זיצט מען אזוי אַרום טיש. פּייווקעס טאַטע לייענט אַ צייטונג, און זיין מאַמע פאַרריכט זאָקן. פּלוצלונג הערט מען אַ קלאַפּ אין טיר. לויפט זיין מאַמע צו צו דער טיר, עפנט אויף. זי טוט אַ קוק, אַ אינגעלע שטייט אין פאָרהויז מיט פּייווקעס שליטעלע אין האַנט, און פרעגט איר:

— דאָ וואוינט פּייווקע?

מאַכט פּייווקעס מאַמע:

— יאָ, וואָס ווילט איר?

זאָגט דאָס אינגעלע:

— נאַט אייך פּייווקעס שליטעלע. איך האָב עס געפונען לעבן מיין טיר.

האָט פּייווקעס טאַטע אַ קוק געטאָן אויף זיין אינגל:

— זעסט, פּייווקע, אַט האָסטו דיין שליטעלע, אַבי דו האָסט זיך געזאָרגט.

און די מאַמע האָט געזאָגט:

— דאַנק דעם אינגעלע פאַרן ברענגען דיר דאָס שלי־טעלע.

אַט אַזוי, קאָן דאָס קאַרגע אינגל ניט פאַטער ווערן פון זיין שליטעלע, מיטן נאָמען — „פּייוול".

האַרבסט-מייסעלעך

אין אַ וואַרימער נעסט, אונטער מיין דאַך, וואוינט אַ מאַמע־פויגל מיט קינדערלעך אַסאַך. איינמאָל, ס'איז אין אַ לעצטן זומער־טאָג געווען, האָט די מאַמע־פויגל אָפן הימל גרויע וואָלקנס דערזען, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז מען וועט באַלד מוזן אַנטלויפן פון די פרעסט און אירע קינדערלעך זיינען נאָך פיצלעך און קאָנען ניט אַרויספליען פון דער נעסט, האָט זי זיך געשטעלט אָפן שפיץ דאַך, גענומען רופן: ציף־ציף! זיינען זיך צוזאַמענגעפלויגן פויגלען אַסאַך פון אַלע נעסטן, פון אַלע וועלדער, האָט די פויגל־מאַמע געפרעגט:

— זאָגט מיר, מיינע פריינט, ווי אַזוי זאָל איך זיך פון מיין נעסט אַרויסציען מיט מיינע קינדער, וואָס קאָנען נאָך ניט פליען? וואָס זאָל איך טאָן, דער האַרבסט קומט באַלד אָן!

— לאָז זיי אין נעסט איבער די פרעסט — האָט געזאָגט אַ נאַרישער פויגל מיט אַ שוואַרצן אויגל.

— נעם זיי אָף דיין פלייצע — האָט איר נאָך אַ פויגל געגעבן אָן אייצע.

— דעק זיי איין מיט גראָז — האָט זיך אָפגערופן אַ פויגל מיט אַ שפיציקן נאָז.

דערווייל ווערט אַלץ קעלטער, עס רוקט זיך אָן אַ האַרבסטיקע נאַכט, און די פויגל־מאַמע זיצט פאַרטראַכט און אַלע פויגלען קוועטשן מיט די פלייצעס. מ'טראַכט, מ'קלערט וועגן גוטע אייצעס.

פלוצלונג רופט זיך אָפ אַ פויגל מיט אַ גרויען קאָפ: — אַ גוטן טאָג, מיינע פריינט, איך מוז ערגעץ צופליען היינט.

— און האָט אויסגעשפּרייט זיינע פליגלען, אויפגעהויבן זיין עק, און ער פליט אַוועק.

אינדערהויך האָבן ווי שוואַרצע בענדער זיך געצויגן מי־ליאָנען פויגעלעך אין די וואַרימע לענדער. נאָר דער פויגל מיטן גרויען קאָפּ איז זיי ניט נאָכגעפלויגן. איינינקער אַליין איז ער געפלויגן, און געפלויגן, און געזוכט מיט זיינע פויגלשע אויגן, ביז מיטאַמאָל האָט ער דערזען, ווי פון הינטער אַ טאָל, קריכט אַ גרויער מאַן מיט פּעק און מיט זעק, האַלט זיך פאַרן ברוסט און הוסט. ווייס איך ניט פון וואַנען דער פויגל האָט גלייך פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז דער האַרבסט, רופט זיך אָן דער פויגל:

— גוט מאָרגן דיר, האַרבסט, וואָס טראָגסטו אין דיינע פּעק?

מאַכט בייז דער האַרבסט:

— אַוועק, אַוועק, איך טראָג דאָרטן רעגנדיקע טעג. איך קום פון שטורעם־לאַנד.

פליט אים דער פויגל אַנטקעגן און פאַרשטעלט אים די וועגן, און פרעגט:

— זאָג מיר, האַרבסט, וואָס ביסטו אַזוי מיד? און פאַר אײנגאַנג וויל איך וויסן: האָסטו שוין געהערט אַ פויגל זינ־גען אַ ליד?

האָט דער האַרבסט אַוועקגעלייגט זיינע זעק, מיט זיינע פּעק. און גענומען דערציילן:

— טייערער פויגל, פויגל־געזאַנג איז מיר ניט באַשערט, ווייל ווי איך באַווייז זיך נאָר אויף דער ערד, פאַלט אויף יעדערן אַ שרעק, בלומען שטאַרבן, מענטשן ווערן אומעטיק און פויג־לען פליען אַוועק.

האָט דער פויגל געזאָגט:

— איך האָב אויף דיר גרויס ראַכמאָנעס, ביסט אַזוי פאַר־קילט, אַזוי מיד. לייג זיך אונטער מיין פליגל, איך וועל דיר זינגען אַ שיין ליד.

האָט זיך דער האַרבסט אויסגעצויגן, פאַרמאַכט זיינע פאַרטרערטע אויגן, און דער קלוגער פויגל מיטן גרויען קאָפּ, טרעט פון אים ניט אָפּ. ער ווערט ניט מיד, זינגט אים אַ ליד נאָך אַ ליד, און ער, דער האַרבסט, שלאָפט און פּאָפּט, און דערווײַלע באַ מיר אונטער מיין דאַך, אין פויגל-הויז, וואַקסן די פּיטשינקע פייגעלעך אוים. די מאַמע-פויגל זיצט מיט זיי אין איר געצעלט, קוקט אַף דער זומערדיקער זון און קוועלט.

אָט אַזוי צוליב פּיטשינקע פייגעלעך און אַ קלוגען פויגל, איז פאַרהאַלטן געוואָרן דער האַרבסט אונטערן וועג. געקומען צו אונדז, זיינען די זוניקע, זומערדיקע, גאָלדענע טעג.

אינגעלעך, באַרימערלעך

ווען די שול האָט זיך געדאַרפט פאַרמאַכן, האָט די לע־רערן אָנגעזאָגט די קינדער, אַז זיי זאָלן קלייבן שיינע זאַכעלעך אין צייט פון זייער וואַקאַציע און ברענגען עס אין שול אַריין.

זיינען פייגעלע און טייבעלע געגאַנגען אין וואַלד זוכן די שיינע זאַכעלעך.

גייען זיי אַזוי, דערזעען זיי אַ גרוב. איבערן גרוב ליגט אַ ברעט, און פון יענער זייט, שטייען צוויי אינגלעך. רופט זיך אָפּ טייבעלע:

— פייגעלע, איך האָב מוירע פאַר די אינגלעך, מיר דאַכט, אַז איינער האָט מיך אַמאָל געריסן באַם צאָפּ.

רופט זיך אָפּ פייגעלע:

— ווייסט וואָס, טייבעלע? מירן זאָגן, אַז מיר האָבן גרויסע ברידער, וועלן זיי מוירע האָבן.

— איך וועל זאָגן, אַז איך האָב דריי ברידער, און דו זאָג, אַז דו האָסט צוויי.

זאָגט טייבעלע:

— גוט.

נעמען ביידע מיידלעך אַריבערגיין די ברעט, קומען זיי אָנקעגן די אינגלעך, איינער מיט אַ שטריק פאַרבונדן די הויזלעך, דער צווייטער מיט רויטע האָר און זומער שפּרענ־קלעך אָפן פּאָנים.

שטעלן זיי זיך אַוועק מיט צעשפּרייטע הענט, און הויבן אָן:

— מיידעלעך, מיידעלעך! איר וועט ניט אַריבערגיין, סיידן איר וועט אונדז זאָגן ווי אַלט איר זענט און ווי אַזוי

זיינען אייערע נעמען, און נאָך וואָס איר גייט אין וואַלד?
מאַכט טייבעלע:
— עס איז דיין וואַלד?
מאַכט איין אינגל:
— אוואַדע, אַלע וועלדער זיינען מיינע און די ברעט אָט דאָ איבערן גרוב איז אויך מיינע... און אַז איך וויל, נעם איך אַוועק די ברעט, קאָנסטו ניט אַריבערגיין.
זעט טייבעלע, אַז עס איז שלעכט, אַלץ איז זיינס, מאַכט זי:
— איך בין זיבן יאָר, מיין נאָמען איז טייבעלע, איך גיי קלייבן שיינע זאַכן פאַר מיין שול.
הערט דאָס אינגל אויס און צעלאַכט זיך:
— כאַ, כאַ, כאַ! אויך מיר אַ נאָמען „טייבעלע". מיין נאָמען איז לייבל, לייב. איך האָב קיין מורע ניט פאַר לייבן, אַז אַ לייב שפּרינגט אַרונטער פון אַ בוים, זאָג איך אים מיין נאָמען, לאָזט ער מיך גיין. פאַרשטייסט שוין ווער איך בין?
שאָקלט טייבעלע מיטן קאָפּ, און ווייסט ניט, וואָס צו טאָן.
דאָס אַנדערע אינגל קוקט וואָס לייבל טוט, און טוט אים נאָך:
— וואָס איז דיין נאָמען? — פרעגט ער פייגעלען.
ענטפערט פייגעלע אַביסל צעשראָקן:
— מיין נאָמען איז פייגע, נאָר מיין באָבע רופט מיך פייגעלע און די מיידעלעך רופן מיך פעני.
צעלאַכט זיך דאָס צווייטע אינגל:
— כאַ, כאַ, כאַ! פייגעלע, פייגעלע, אויך מיר אַ נאָמען, מיין נאָמען איז וואָלף. אַלע וועלף קאָן איך אין וואַלד, און איך בין אַן אַקטיאָר!
שטייען ביידע מיידעלעך אָפן ברעט און האַלטן אַראָפּ-געלאָזן די קעפּ. מאַכט טייבעלע:

— קום אַהיים, פּעני.

דערזעען די אינגלעך, אַז די מיידעלעך האָבן טאַקע מוירע פאַר זיי, מאַכט לייבל:

— נו גייט, גייט, מירן אייך ניט טשעפּען, ווייל איר רעדט ניט אַנטקעגן.

גייען די מיידעלעך אַריבער די ברעט און גייען אַריין טיף, טיף אין וואַלד, און הויבן אָן זוכן שיינע זאַכעלעך. לויפט צו וועלוול און מאַכט:

— וואָס זוכט איר דאָ?

מאַכט טייבעלע:

— מיר זוכן פעדערלעך פון פייגעלעך, שטיינדעלעך, מאָד־נע בלימעלעך.

— איר קאָנט גאָרנישט נעמען פון דאַנען, אַלץ איז מיינס, אפילו די פייגעלעך! — הויבט ער זיך ווידער אָן באַרימען.

פאַרדריסט שוין פייגעלען, רופט זי זיך אָפּ:

— איך האָב דריי גרויסע ברידער!

— און איך האָב צוויי! — העלפט איר אונטער טייבעלע.

דערהערן די אינגלעך, גרויסע ברידער, קוקן זיי זיך אַרום. מאַכט איינער:

— וואו זיינען זיי?

מאַכן די מיידעלעך:

— אין דער היים זיינען זיי, — זיי וועלן קומען אַהער באַלד.

מאַכט לייבל:

— איך קאָן אייערע ברידער, איינער איז שוין צוועלף יאָר, איך האָב געשפּילט אין לייגעלעך מיט אים, איך האָב אים גלייך אָוועקגעלייגט.

ווייסן דאָך די מיידעלעך, אַז זיי האָבן ניט קיין ברידער, נאָר פייגעלע האָט אַ פּיצל ברידערל, צעלאַכן זיי זיך, די מיידע־לעך, כאַ, כאַ, כאַ!

וויסן ניט די אינגעלעך וואָס זיי לאַכן. מיינט לייבל, אַז זיי לאַכן פון זיין שטריק אַף די הויזעלעך, מאַכט ער אים צערעכט. און וואָלף, אַרומקוקנדיק זיך אַף אַלע זייטן, פאַר־שאַרט זיינע רויטע האָר. און זאָגט:

— אַוואַדע, איך קאָן אויך אייערע ברידער; גייט אין וואַלד, גייט, מירן אייך היטן, מיר האָבן פאַר קיין זאַך קיין מוירע ניט, מיר קאָנען אַפּילע שלאָפן אין וואַלד אַליין און אונדזערע מאַמעס זוכן אונדז אַפּילע ניט.

האָבן שוין די מיידעלעך קיין מוירע ניט און נעמען קלייבן שיינע זאַכעלעך און די אינגלעך זיצן אַף אַן איינגעפאַלענעם בוים און היטן זיי.

מאָטל מיט זיין פלעדערמויז

— מאַמע, איך וועל אַוועקלאָזן אַ פלעדערמויז, — האָט איין זומער־פרימאָרגן מאָטל געזאָגט צו זיין מאַמען.

— מ׳דאַרף ניט קיין פלעדערמייז, מ׳פּאַלט נאָכלויפנדיק, און אַז מ׳פּאַלט אַפילע ניט, צערייסט מען די שיך נאָכלויפנדיק, — האָט מאָטלס מאַמע אים דערקלערט.

נאָר מאָטל האָט אַפילע ניט אויסגעהערט דער מאַמען:

— איך וויל לאָזן אַ פלעדערמויז, מאַמע, איך וויל לאָזן אַ פלעדערמויז.

דערזען, אַז דער יונג לאָזט ניט אָפּ, האָט די מאַמע אַ ווײַלע געטראַכט און געזאָגט צו מאָטלען:

— גיי, לאָז פלעדערמייז. אַכט יאָר אַ יונג, שפּילט זיך מיט פלעדערמייז.

דערהערט, די מאַמע זאָגט יאָ, איז מאָטל אַוועקגעשפּרונ־גען, געפונען אַ שטיק פּאַפּיר, צוויי שטעקלעך, זיך אַוועקגע־זעצט אויף דער שוועל, און איינס־צוויי־דריי, מאָטל האָט שוין אַ פלעדערמויז.

דערזען, זיין פלעדערמויז האָט צוויי שפּיצן ווי צוויי אויערן, קלערט מאָטל — ער׳ט שוין מאַכן נאָך עפּעס.

שניידט ער אויס צוויי רונדע שטיקלעך פּאַפּיר, קלעפּט זיי אָן, וואו עס דאַרפן זיי אויגן, אַ רויט לאַנג שטיקל פּאַפּיר, וואו עס דאַרף זיין די נאָז, אַ רויט שטיקל פּאַפּיר, וואו עס דאַרף זיין דאָס מויל, אַ ווײַס שטיק צעשאָרן פּאַפּיר, וואו עס דאַרף זיין די באָרד, בינדט אָן אַ לאַנגן פאָדים, און הויבט אָן רופן די קינדער:

— קינדער, איך האָב אַ פלעדערמויז!

זיינען זיך צונויפגעלאָפן עפּשער הונדערט קינדער. און מאָטל האָט אָוועקגעלאָזט די פלעדערמויז, זינגענדיק:

פלי, פלי, פלעדערמויז
הויך, הויך, הויך!
כאַפּ אונדז אָן דעם רויך!
כאַפּ אונדז אָן דעם וואָלקן!
כאַפּ אונדז אָן אַ פויגל,
ווען סטו באַ אונדז קריגן
אַ לעכל פון אַ בייגל!

אַז די פלעדערמויז האָט דערזען — אויבן איז זוניק, לופטיק, פויגעלעך פליען, ווייסע וואָלקנדלעך יאָגן זיך איבערן בלויען הימל, און קיין קינדער זיינען דאָרטן ניטאָ, ווער עס זאָל דרייען באַ די אויערן, צופּן באַ דער באָרד, מ׳קען אַפילע פליען ביזן הימל, טוט זיך די פלעדערמויז אַ לאָז אין דער לופטן, אַרונטערלאַכנדיק צו די קינדער: אַ גוטן טאָג, קינדערלעך, איך קום מער ניט אַרונטער, אַ גוטן טאָג!

אַז די וואָלקנדלעך האָבן דערזען אַזאַ מאָדנע פלעדערמויז מיט אַ בערדל, האָבן זיי זיך צעלאַכט, נאָך זיי האָבן זיך צעלאַכט די פייגעלעך, נאָך די פייגעלעך האָט זיך די זון צעלאַכט, נאָך דער זון — דער ווינט: — כי־כי־כי. האָבן אַלע מיט איין מאָל געלאַכט. זעט נאָר: אַ באַבערדלטע פלעדערמויז — אַ באַבערדלטע פלעדער־מויז!

האָט דאָס דער פלעדערמויז שטאַרק פאַרדראָסן. האָט זי זיך געלאָזט יאָגן נאָך די אָפּלאַכער. גיך־גיך האָט זי זיך אומגעיאָגט דאָ נאָך אַ וואָלקנדל, דאָ נאָך אַ פייגעלע, דאָ נאָך דער זון, היך־הער, הער־היך, און מאָטל דרייט אַלץ אָפּ דאָס קניילכל פאָדים און אַלע קינדער שטייען מיט פאַרריסענע קעפּ.

מיטאַמאָל הויבן די קינדער אָן שרייען:

— מאָטל! שלעפּ זי אַרונטער! זי'ט דיך אַרויפשלעפּן אין הימל אַריין! צי זי אַרונטער גיכער! גיכער!

אַז מאָטל האָט גענומען אַרונטערשלעפּן די פלעדערמויז האָט עס דער פלעדערמויז שטאַרק פאַרדראָסן.

אַז נאָך איין פלי וואָלט זי שוין אַנעכאַפּט אַ פייגעלע.

נעמט די פלעדערמויז, טוט זיך אַ זעץ-אַוועק אַף אַ טע־לעגראַף-סלופּ, בלייבט דאָרט זיצן, און שאָקלט אַרונטער צו די קינדער מיטן בערדל, ווי איינער זאָגט:

„אָט דאָ זיץ איך — און טוט מיר עפּעס".

איז געוואָרן אַ גאַנצער טומל: — דער „קאַיט", דער „קאַיט" האָט זיך פאַרטשעפּעט! שלעפּט-שלעפּ! וואַרף אַ שטיין! וואַרף ניט, וועסט איר אַרויסהאַקן אַן אויג! צי דעם פאָדים! האָבן אַלע קינדער געשריען, און די פלעדערמויז זיצט זיך אויבן ווי ניט איר מיינט מען דאָס. זי שאָקלט מיטן בערדל און לאַכט אַרונטער צו די קינדער.

האָט דער ווינט דערזען די גאַנצע מייסע.

קומט דער ווינט צו, צו דער פלעדערמויז און טוט איר אַ טורקע: — אַרונטער, אַרונטער, זאָג איך דיר.

נאָר די ברויגעזע פלעדערמויז זיצט און שאָקלט מיטן בערדל. האָט דער ווינט ניט געקאָנט אויסהאַלטן, האָט ער אויסגעפּאַטשט די פלעדערמויז, פּיטש-פּאַטש! פּיטש-פּאַטש!

האָבן אָנגעהויבן פליען די נאָז, די אויגן, דאָס בערדל. זיינען זיך אָנגעפלויגן קליינינקע ווינטעלעך. יעדעס ווינטעלע האָט געכאַפּט וואָס אים איז געפעלן און אַוועקגעפלויגן מיט דעם ביז אין הימל אַריין, און מאָטל האָט אָפּגעריסן דעם פאָדים, און זיין מאַמע האָט געזאָגט:

— אָט האָסטו דיר דיין פלעדערמויז. אַכט יאָר אַ יונג, לאָזט פלעדערמייז.

דאָס ערשטע מאָל אין סקול

(דאָווידל שטאַרצער אַ מאַטאָנע)

אַז דאָווידל איז אַלט געוואָרן פינף יאָר, האָט זיין מאַמע מער ניט געוואָלט וואַרטן, זי איז צוגעגאַנגען צו דאָווידלס בעט — שטיי אויף, דאָווידל, איך וועל דיך היינט אַוועקפירן אין קינדערגאָרטן!

איז דאָווידל פון זיין בעטעלע אין קיך אַריינגעשפּרונגען. די זון האָט שוין געשיינט דורך די ווייסע גאַרדינען. האָט דאָווידל שוין געוואָלט לויפן. האָט די מאַמע געזאָגט: — וואַרט, דאָוויד, ביסט טאַקע אַ גוטער און א שיינער, אָבער פריער מוז מען זיך אויסוואַשן די ציינער.

האָט די מאַמע אים געהאָלפן.

אַכט אַזייגער זיינען ביידע אַרוים פון הויז, דאָווידל איז אונטערגעשפּרונגען און זיין מאַמע האָט אונטערגעזונגען.

— גוט מאָרגן, — האָט דאָווידלס מאַמע פריילעך באַגריסט די לערערן.

— גוט מאָרגן, גוט מאָרגן, איז עס ניט אַ שיינער פרי-מאָרגן היינט?

— זייער, זייער אַ שיינער טאָג, — האָט דאָווידלס מאַמע געענטפערט. דערנאָך האָט זי געזאָגט, — איך רעכן, אַז מ׳דאַרף שוין ניט וואַרטן, האָב איך געבראַכט מיין זון אין קינדער-גאָרטן. ער איז אַ ריינינקער און אַ גוטער און איך בין זיין מוטער.

האָט די לערערן, זיין עלטער און זיין נאָמען פאַרשריבן און דאָווידל איז אין קינדערגאָרטן פאַרבליבן.

נאָר ווען זיין מאַמע האָט געגומען גיין אַהיים, האָט דאָווידל געקוקט צו איר — און געמורמלט: — מ־אַ־מ־ע, זאָלסט ניט פאַרגעסן צו קומען נאָך מיר.

איבערן צימער האָבן אומגעוואַנדערט זיינע בלויע אויגעלעך, ביז די לערערן האָט אים געגעבן אַ שערעלע און ער׳ט געגומען אויסשערן פייגעלעך.

פאַרן גיין אַהיים, האָט די לערערן געפרעגט דאָווידלען:

— ווילסט זיין גרויס?

— יאָ, האָט דאָווידל געענטפערט.

— איז מוזטו אויפשטיין זיבן אַזייגער, זיך אַליין אָנטאָן, ריין און שיין, און ניט פאַרגעסן צו עסן. און קומען אַליין אין קינדערגאָרטן. האַלב נאָך אַכט.

איז דאָווידל אַהיימגעגאַנגען, ער׳ט נאָר געטראַכט פון האַלב נאָך אַכט. זיין מאַמע האָט אים פונדערווייטנס דערזען, האָט דאָווידל געזאָגט:

— מאַמע קענסט גיין אַהיים, איך וויל ווערן גרויס. איך גיי אַליין, אַהיים.

איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, די הענטעלעך פון די קעשענעס נעמט ער ניט אַרויס און טראַכט: — מאָרגן וועל איך זיין גרויס.

פלוצלונג דערהערט ער: — וואָרק, וואָרק. — ער בייגט זיך איין, ערשט אַ טייבעלע ליגט אַף דער ערד. בייגט ער זיך איין, ערשט ער זעט, זי האָט אַ פאַרבויגן פליגעלע, האָט ער איר דאָס פליגעלע אַראָפּגעבויגן, איז דאָס טייבעלע אַוועק־געפלויגן.

פאַרן שלאָפן גיין, האָט ער אַלע זיינע קליידער אַוועק־געלייגט צוזאַמען, און צו זיין מאַמען האָט ער געזאָגט:

— מאַמע, זאָלסט מיך ניט וועקן. איך וויל ווערן גרויס. ווי דער זייגער שלאָגט נאָר אויס זיבן, שטיי איך אויף.

האָט די מאַמע געשמייכלט אַ מינוט, און געזאָגט:

— זייער גוט.

אַז דער זייגער האָט אויסגעקלונגען זיבן, האָט זיך דאַ־ווידלען געגומען כאַלעמען, אַז אַ מאַן פליט אַף אַן עראָפּלאַן פאַרביי זיין אָפענעם פענצטער, קלינגט מיט אַ גלעקעלע: — דאַווידל, דאַווידל, קום אין מיין עראָפּלאַן. כאַלעמט ער, אַז ער וויל שוין אַריינקריכן אין עראָפּלאַן. ערשט ער הערט:
— וואַרק, וואַרק — עפנט דאַווידל זיינע אויגן, ערשט, דאָס ווייסע טייבעלע שטייט אַף זיין ברעג פענצטער און וועקט אים: — שטיי אויף, דאַווידל, שטיי אויף, דו דאַרפסט וואַקסן גרויס, דו דאַרפסט גיין אין קינדערגאָרטן.

האָט ער זיך אָנגעטאָן און אין שול אַוועק — אָן זיין מאַמען. זיין מאַמע איז געשטאַנען אַפן שוועל. איר אינגעלע באַגלייט מיט אירע בלויע אויגן, און דאָס ווייסע טייבעלע איז אים נאָכ־געפּליגן.

לייזערקע און דער ערשטער מאַי

פון פּיאָנערן־לעבן אין 1905

קימאַט אַלע קינדער פון אונדזער גאַס זײַנען שוין געוואָרן אַרבעטער, ווער אין פאַבריק, ווער אין אַ קראַם, און ווער אין ווערקשטאַט. אַז מיר זײַנען שוין עלף־צוועלף יאָר, זײַנען מיר איינער נאָכן צווייטן אַרײַן אין קליינעם בונד (ווי די פּיאָנערן). אָבער לייזערקען האָבן מיר ניט געקענט אַרײַננעמען, ווײַל לייזערקע איז נאָך אַלץ געווען כאַווער מיט אַ פּאָליסמאַנס אַ אינגל, יורקא, האָט ער געהייסן. פאַר מיר איז דאָס געווען שווערער ווי פאַר אַלעמען, ווײַל מיר האָבן געוואוינט אין איין הויז.

איין שאַבעס, נאָך מיטאָג, גיי איך צו אַ פאַרזאַמלונג, ערשט לייזערקע וואַרט אַף מיר, לעבן הויז.

— נעם מיך מיט, און נעם מיך אַרײַן, — רעדט ער אַרויס דורך דינע ליפּן און מאַכט קליינע אויגעלעך ווען ער רעדט, ווי ער וואָלט מיך וועלן איבערשרעקן.

— וואוהין גיי איך, און וואוהין זאָל איך דיך אַרײַננעמען? — מאַך איך זיך ניט וויסנדיק וועגן וואָס ער רעדט.

— סאָרקע — דו האָסט מוירע פאַר מיר? — קוקט ער מיך אָן און פרעגט קימאַט מיט טרערן אין קאָל.

— זיי ניט קיין נאַר, לייזערקע, איך האָב ניט וואָס מוירע צו האָבן, און איך ווייס אַפילע ניט וואָס דו רעדסט. איך דאַרף גיין צו מיין מאַמען — האָב איך אים געענטפערט און בין אַוועק.

איך בין געגאַנגען עפּשער צען גאַסן מער וויפל איך האָב

געדאַרפֿט גיין צו דער פֿאַרזאַמלונג, ווייל מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז לייזערקע גייט מיר נאָך.

עס איז געווען סאָף אַפּריל. דער אַלטער צווינטער האָט נאָך געהאַט וואו ניט וואו שניי און אייז און אויסגעזען, ווי אַן אַלטער שוך מיט ווייסע לאַטעס. פֿון אַלטע מאַצייווע־קעפּ האָבן גערונען וואַסערלעך, פֿון די לעצטע שטיקלעך שניי, ווי זילבערנע לאָקן אַף קעפּ פֿון זקיינים. איבער אַלץ האָט געשיינט די ערשטע פֿרילינג־זון. אַף אַן אַלטן בוים, האָבן שוין פֿויגלען נעסטן געבויט.

אַרום דרייסיק קינדער זיינען מיר געקומען. אַסאַך האָבן נאָך מיטגעבראַכט שליטעלעך, אַז טאָמער ברעכט מען אַף אונדזער פֿאַרזאַמלונג, זאָלן מיר זאָגן, אַז מיר זיינען דאָ געקומען זיך גליטשן.

אַ כאַוועַר, אַוואַדע פֿערצן יאָר, האָט אונדז דערקלערט די באַדייטונג פֿון ערשטן מאַי. דעמאָלט האָט דער אידישער אַרבעטער בונד אָנגעזאָגט די קינדער, אַז זיי זאָלן זיך ניט פֿלאָנטערן אונטער די פֿיס אין טאָג פֿון ערשטן מאַי. האָט דער כאַוועַר דערקלערט, אַז מיר זאָלן יאָ מאַרשירן. מיר האָבן אים אַפּלאָדירט און געזונגען שטילערהייט: „מיר שווערן, מיר שווערן"...

די זון האָט שוין געזאָגט אַ גוטן טאָג צו די לעצטע ברעקעלעך שניי און באַפּוצט זיי אין גאָלד.

פֿלוצלונג שרייט אַ אינגל אויס:

— כאַוויירים, איך זע אַ היטל.

— אַ היטל, אַ היטל! — האָבן אַלע נאָכגעשריען.

פֿון הינטער אַ מאַצייווע האָט זיך גענומען אַרויסרוקן לייזערקעס קאָפּ. ער איז געווען בלאַס, צעשראָקן, געקוקט אַף אונדז מיט גרויסע ברוינע אויגן, און גערעדט:

— קינדער, נעמט מיך אַריין! איך האָב געהערט יעדעס וואָרט. איך אַרבעט שוין. סאָרקע קען מיך גוט.

— וואָס האָסטו געהערט ? און וואָס דרייסטו אַ קאָפּ, — האָט אַ גרעסער אינגל געשריען אױף אים און זיך געלאָזט צו אים, ווי ער וואָלט אים וועלן געבן אַ פּאַטש.

לייזערקע האָט אַראָפּגערוקט זיין היטל איבער די אויגן און איז טראַט בײַ טראַט אַרונטער דעם באַרג. מיר האָבן באַשלאָסן אים היטן, וואוהין ער גייט, און צום קומענדיקן מיטינג זאָלן מיר ריידן וועגן אַריינגעמען אים אין קליינעם בונד.

די רייכע און די פּאָליציי זיינען געווען זייער צופרידן, וואָס דעם פּרימאָרגן פון ערשטן מײַ רעגנט. פונדעסטוועגן, האָבן זיי אויסגעשטעלט קאָזאַקן אױף אַלע גרויסע גאַסן. ביי־מער האָבן שוין געשמעקט מיט פולע קנאָספּן. דער רעגן האָט די ביימער און הייזער געוואַשן, ווי פאַר אַ גרויסן יאָנטעוו. קרעמער האָבן צוגעמאַכט זייערע קראָמען, פאַר שרעק. ווי נאָר דער זייגער האָט ניין געוויזן, זיינען אָנגעשוואָלן אַר־בעטער פון אַלע גאַסן און אין אַ מינוט איז געוואָרן אַ לאַנגע געדיכטע וואַנט, ווי אַ ציגל-פונדאַמענט. און פון דער וואַנט האָט זיך אַ רויטע פאָן געהויבן: — נידער מיטן צאַר, נידער מיט קאַפּיטאַל — האָט זיך געהערט אין דער לופט — הוראַ-הוראַ!

מיר, קינדער, אַרום הונדערט, האָבן געוואַרט אין אַן אַלטער הויז, זיינען מיר אַלע אַרויס מיט אונדזער פאָן.

— אַוועק! פּלאָנטערט זיך ניט אונטער די פיס! — האָט אַן אַלטער בונדיסט אונדז באַפוילן.

אָבער מיר האָבן געהויבן הויך אונדזער פאָן און אויס־געשריען די זעלביקע פאָדערונגען וואָס די גרויסע.

און פּלוצלונג — קאָזאַקן: ברומען פון פערד, פייפן פון נאַהייקעס, קלאָלעס און געשרייען. און שאַ-שטיל. מיר, קינ־דער, זיינען שוין ווידער געווען אין אַלטן הויז. אַסאַך האָבן

געפעלט, קוקן מיר דורכן פענצטער: שאַ־שטיל, בלויז די פאָן, אונדזער רויטע פאָן, אַליין אין בלאָטע... אונטער פערדישע קאָפּיטעס.

— אונדזער פאָן אין בלאָטע! אונדזער פאָן! — האָט איין כאַוור אויסגעשריען.

ווייסן מיר ניט פון וואַנען לייזערקע האָט זיך גענומען. ער איז פון ערגעץ אַנגעלאָפן, נאָר איידער ער האָט זיך נאָך אָנגעבויגן די פאָן אויפהויבן, איז ער שוין געלעגן מיט זיין האַרץ אַף דער פאָן און אַ קאָזאַק איבער אים. דער קאָזאַק האָט אים געשניטן מיט זיין נאַהייקע אין רוקן און געשאָלטן:

— דו פאַרדאַמטער רעוואָלוציאָנער! נאַדיר! אַ פאָן — נאַדיר אַ רויטע פאָן!

לייזערקע איז געבליבן מיט דער פאָן אין האַנט, האַלב לעבעדיק. און אַ שלענגעלע בלוט איז געקראָכן פון זיין מויל.

די בלעטער זיינען שוין געפאַלן, ווען מ'האָט גערעדט אַז לייזערקעס טעג זיינען געציילטע. ער איז יענע וואָך גע־וואָרן פערצן יאָר, האָט ער געוואָלט אַ רויטע בלוזע אַף זיין געבורט־טאָג.

אַז מיר האָבן אים די בלוזע געבראַכט, האָט זיין מאַמע גערוואָרט אַף אונדז אין פאָדערשטן צימער, געווישט אירע אויגן און גערעדט:

— אַ קינד פאַלט דאָס אַרונטער פון טרעפּן און קלאַפּט זיך אָפּ די לונגען, אוי ווי איז מיר...

לייזערקע איז געלעגן אין אַ ווייסן בעט, אַזוי דין און לאַנג, אַז זיינע פיס האָבן דורכגעשטעקט דורכן בעט. מיר האָבן אים אָנגעטאָן די נייע בלוזע און ער האָט געשמייכלט. דערנאָך האָט ער זיך שטאַרק פאַרהוסט און געפרעגט:

— קינדער, איר'ט מיך אַריננעמען אין דער רעוואָ־לוציע?

— אַוואַדע וועלן מיר דיך אַרייננעמען, — האָבן מיר אים פאַרזיכערט.

ער האָט פאַרמאַכט זיינע אויגן. מיר האָבן זיך די הענט געגעבן איבער זיין טויטן קערפּער און געשוואָרן, קעמפן פאַר אַ פרייער רוסלאַנד.

אַ מייסע, ווי אַזוי אַ קאַטשקע איז געבליבן מיט אַ נאָז

„קאַטשקע פּראַטשקע", אַזוי פלעגט די פאַרמערקע רופן איר איין־און־איינציקע קאַטשקע, ניט ווייל זי האָט געוואָשן גרעט פאַר מיר אָדער פאַר אייך, נאָר ווייל זי פלעגט שטענדיק לויפן צום טייך.

איין שיינעם טאָג, אַז די קאַטשקע איז געקומען פון שווימען, זאָגט די פאַרמערקע אַזוי:

— קאַטשקע, ס'איז טאַקע זייער גרויסע היצן, אָבער דו וועסט מוזן עטלעכע וואָכן זיצן אויף דיינע אייגענע אייער, דיין לויפן צום טייכל איז ניט ווערט קיין צווייער.

האָט די קאַטשקע געטאָן מיטן עקל אַ דריי, ווי איינער זאָגט, זאָל זיין אַזוי.

געזעסן איז זי איין טאָג מיט איין נאַכט. ביז זי האָט זיך באַטראַכט, אַז איידער די פאַרמערקע וועט עפענען די לאָדן, וועט זי זיך דערווייל גיין אַ קאָפּ אָפּבאָדן. האָט זי זיך געבאָדן און געשוואומען און פאַרגעסן אַהיים קומען.

דערווייל זיינען געוואָרן קאַלט די אייער, האָט די פאַרמערקע דערקלערט, אַז די קאַטשקע איז ניט ווערט קיין צווייער. האָט זי גענומען אַ הון און זי געזעצט אויף קאַטשענע אייער. איז די הון געזעסן און געזעסן, זי פלעגט נאָר אַראָנטערלויפן און אָפּכאַפּן עסן. ביז איין אַ פאַר וואָכן זיינען פיר קאַטשקעלעך פון אונטער דער הון אַרויסגעקראָכן. די הון האָט שוין פריער געהאַט קינדער איז איר טאַקע געווען אַ וואונדער, ווען די קאַטשקעלעך האָבן זיך אונטער אירע פליגלען גערוקט, האָט זי אויף זיי געקוקט: — זע נאָר וואָס פאַרא שנאָבעלעך, וואָס פאַרא אייגעלעך, הינדעלעך און קוקן גאָר אויס ווי פייגעלעך.

און די פֿאַרמערקע איז געשטאַנען אַף איר לאַפּעטע אָנגע־שפּאַרט און געזאָגט צו דער הון: — אוי, האָב איך דיך אָפּגע־נאַרט.

צום מאָן האָט זי געזאָגט: — זע נאָר ווי זי איז קלוג, אוי־וויי, אוי־וויי. לאָמיר זען וואָס דאָ וועט זיין.

אָבער די הון איז פֿון זיי ניט אַנטלאָפֿן. זי האָט זיי אוים־געבעט אַ בעטעלע פֿון שטרוי און זיך געלייגט מיט זיי שלאָפֿן.

פֿאַר אַלעמען איז זייער אַ גרויסער וואונדער געווען, ווען מ'האָט אומעטום די הון מיט קאַטשקעלעך געזען. זיי האָבן געגעסן און געשלאָפֿן צוזאַמען. די הון האָט זייער ליב געהאַט די קאַטשקעלעך און די קאַטשקעלעך האָבן זייער ליב געהאַט זייער הון, די הון־מאַמען.

נאָר די גרויסע אַלטע קאַטשקע האָט ניט געהאַט קיין קינ־דערלעך און ניט קיין פֿריינט. די פֿאַרמערקע גייט אַרום מיט פֿאַריבל אַף איר. פּלוצלונג דערהערט די קאַטשקע קליינע קאַטשקעלעך אין הינער־שטיבל. האָט זי אַ פּלי געטאָן אַפֿן דעכל און אַריינגעקוקט דורך אַ לעכל.

— קלאַק, קלאַק, קלאַק! — האָט די קאַטשקע גענומען רופֿן די קאַטשקעלעך, — קומט אַרוים, מיר'ן שווימען צוזאַמען, לאָזט איבער אייער הינערשע מאַמע! איר ווייסט גאָרניט דערפֿון, אַז איך בין אייער מאַמע און ניט די הון.

די הון האָט אירע קינדערלעך אונטער אירע פֿליגעלעך באַהאַלטן. זי איז געזעסן זייער שטיל און געקלערט, זאָל זי קלאַקענען וויפֿל זי וויל.

איין שיינעם טאָג, ווען די קאַטשקע איז צום הינער־שטיבל אָנגעלאָפֿן, איז די הון געשלאָפֿן. האָט זי די קאַטשקעלעך אַרויסגענאַרט און גלייך אַלע פֿינף צום טייך. די גרויסע אָפּריער, און אַלע פֿיר נאָך איר. דער טייך איז געווען קלאָר און ריין. די כוואַליעלעך האָבן דעם ברעג געוואַשן, און די זון האָט צעוואָרפֿן אַפֿן טייך לאַנגע גאָלדענע פּאַסן. יעדע

קאַטשקעלע איז אַף אַ פּאַס געשוואומען.

— אוי־ווי, אוי־ווי, וואו זיינען אירע קינדערלעך אַהינ־געקומען, — האָט די הון גענומען שרייען, ווען זי האָט געעפנט אירע אויגן. איז זי פון הינער־שטיבל אַרויסגעפלויגן און גלייך צום טייך.

דאָרט האָט זי די פינף קאַטשקעס דערזען.

— היי, היי, קטי־קטי־קטי, קומט צוריק, קומט צוריק, — האָט די הון די פליגעלעך צעשפּרייט און איר קעמל איז געוואָרן זייער רויט.

די גרויסע קאַטשקע האָט געענטפערט: — אַ גוטן טאָג, מיר קומען ניט צוריק. מיר שווימען אַריבער פון יענער זייט טייך.

— אויב אַזוי, שווים איך נאָך אייך, — און די הון איז אין טייך אַריינגעפלויגן. שווימען האָט זי ניט געקענט, האָט זי געפּאַטשט מיט די פליגלען, ווי אַ מענטש מיט די הענט, ביז די קליינע קאַטשקעלעך האָבן זייער מאַמען דערזען, זיי־נען זיי גיך־גיך צוגעשוואומען און האָבן זייער מאַמען אַפן רוקן אַרויפגענומען.

דערנאָך זיינען זיי אַהיימגעלאָפן איבערן ברוינעם גראָז און די גרויסע קאַטשקע איז געבליבן מיט אַ לאַנגער נאָז.

די פאַרמערקע פלעגט פון איר לאַכן:

— קאַטשקע פּראַטשקע, גיי אין טייך. האָסט ניט גע־וואָלט זיצן אַף די אייער, ביסט ניט ווערט קיין צווייער.

טשעין-גענג

היימאַן און לעסלי באַ צוואַנג-אַרבעט

די גאַנצע צייט, זינט דער פופצן-יאָריקער היימאַן איז אַוועק פון דער היים, האָט ער דאָס ערשטע מאָל מוירע געהאַט. ס'איז נאַכט, און אַזוי ווייט פון דער היים. פון ניו דזשוירזי ביז פלאָ-רידע איז אַזוי ווייט... און ער — דאָס ערשטע מאָל באַנאַכט אין אַ וואַלד.

פאַסן לעוואָנע-שיין פלעכטן זיך אין געדיכטע בוימער. די בוימער רירן זיך עטוואָס און היימאַנען ווייזט זיך אויס, אַז אימיצער גייט אום מיט אַ זוך-ליכט אין האַנט. ניין, ס'איז ניט קיין זוך-ליכט. היימאַן האָב ניט קיין מוירע, פע, ניט שיין, האָט ער גערעדט צו זיך. ער'ט זיך איבערגעדעקט מיט זיין רעקל, געוואָלט איינשלאָפן, אָבער ער האָט ניט געקענט. ער'ט געקלערט פון אַזוי פיל זאַכן. זיין מאַמע זאָל נאָך זיצן באַם פענצטער? צי ניט? גוט פאַר זיין טאַטן. אַזאַ שלעכטער איז ער, זיין טאַטע, אַ הויכער מיט אַ האַרטער האַנט. און די האַנט האָט ער שוין אַזויפיל מאָל געפילט אָף זיינע פּלייצעס. און עפשער איז זיין טאַטע גערעכט? ער האָט שוין געדאַרפט אַרבעטן. ער דאַרף שיך און הויזן.

— ניין, זיין טאַטע איז ניט גערעכט, — ער וויל יאָ אַרבעטן, — האָט היימאַן זיך אַליין פאַרענטפערט, — אַרבעט ער ניט פון זיבן ביז צען באַנאַכט פאַר איין דאָלאַר אין אַ גרינס-סטאָר? אָבער אַז ער קריגט ניט מער ווי איין טאָג, שאַבעס. ניין, ער וועט ניט אַהיים פאָרן. ער וועט אויפשטיין מאָרגן באַגינען און גיין זוכן אַרבעט, וואו מ'פאַקט די אָראַנזשעס.

דעם גאַנצן וועג האָט ער געוואַנדערט מיט הונדערטער אינגלעך. נאָר לעסלין האָט ער ליבער געהאַט פון אַלעמען. לעסלי איז שוין דאָס דריטע מאָל אַוועק פון דער היים, ער האָט אים, היימאַנען, געלערנט ווי צו שפּרינגען פון אַ באַן, און ווי אויסצו־טראַכטן מייסעס פאַר יעדן מאַן, וואָס פירט זיי אָפּ עטלעכע מייל.

נעמט לעסלי נעכטן און לאָזט אים איבער.

— היימי, — האָט לעסלי אים דערקלערט, — לאָמיר זוכן אונדזער גליק באַזונדער. דריי וואָכן אַז מיר שלעפּן זיך צוזאַמען און קיין אַרבעט קריגן מיר אַלץ נישט.

איז לעסלי אַוועק מיט אַן אַנדער וועג. עך, ווי אומעטיק! ווען ער זאָל איצט האָבן לעסלין, וואָלטן זיי זיך דערציילט מייסעס די גאַנצע נאַכט — עך, ווי אומעטיק.

היימאַן האָט איינגעדרעמלט, פאַרוויגט פון אַ פויגלס געזאַנג. דער רייעך פון מאַראַנצן האָט אים שווער געמאַכט זיין קאָפּ. ער האָט געהויבן, געהויבן זיין קאָפּ, מוירע געהאַט איינצושלאָפן איינינקער אַליין אין וואַלד, ביז ער האָט דער־הערט:

העי, דו, אינגל, ווילסט קאַווע?

היימאַן האָט געעפנט די אויגן און דערזען אַ הויכן, גע־זונטן מאַן לעבן זיך.

— קאַווע, קאַווע, יאָ, מיסטער, איך וויל.

— וואו איז דיין גוט־מאָרגן? האַ? — האָט דער מאַן געפרעגט און אַרויפגעלייגט זיין גראָבע האַנט אַף היימאַנס פּלייצע.

היימי האָט אַ ציטער געטאָן.

— טאָג? שוין טאָג? — האָט היימאַן געריבן זיינע אויגן און געקוקט אין דער הויך, — טאָג, טאָג. וואו בין איך?

— האָסט אַוודע געמיינט דיין מאַמע וועט דיך קומען

וועקן, כי־כי־כי. אינגלעך זאָלן גאָר אַנטלויפן פון דער היים,
— און אַלע אין פלאָרידע. כי־כי־כי.

— איך וויל אַרבעטן, מיסטער, באַ אונדז, אין דער נאָרט, איז זייער, זייער שלעכט. מיין טאַטע אַרבעט ניט שוין צוויי יאָר, — האָט היימאַן אָנגעהויבן אויסצודערציילן זיינע צאָרעס פאַרן הויכן, גוט־געקליידטן מאַן.

— קום מיט מיר, וועסט טרינקען הייסע קאַווע מיט זעמל,

— האָט דער שטאַרקער מאַן היימאַנען אַ נעם געטאָן פאַר דער האַנט. היימאַן איז אים נאָכגעגאַנגען, דעם קאָפּ געבויגן.

אַפן האַרטן וועג לעבן וואַלד, האָט שוין געוואַרט אַ פולער טראָק מיט אינגלעך. און ווי גוט — אָט איז לעסלי, אָט איז וואָלטער.

— העי, מיקי בלאַנד, וואוהין פאָרט איר אַלע?

— קאָם אָן, שפּרינג אַרויף! קענסט נאָך ניט שפּרינגען אַף לויפנדיקע טראָקס? כי־כי, ביסט נאָך אַ גרינער האָבאָ,
— האָט דער מאַן געלאַכט.

אינגעלך זיינען דאָרט געווען, בלאָנדע און טונקעלע, שוואַרצע און ווייסע, אין צעריסענע שיך, און אָפּגעבראָכענע פּענימער. היימאַן האָט געטראַכט, אַז אויב ער וועט אַרבעטן באַ פּאַקן אָראַנזשעס, שיקט ער גלייך אַ קאַסטן מאַראַנצן צו דעם „אַלד מען”. ז אַל ער זען אַז ער איז אַ גוטער זון. די אינגערע אינגלעך זיינען געווען זייער פריילעך. און די עלטערע אומעטיק. די שוואַרצע האָבן געציטערט, עפּשער פירט מען זיי הענגען?

דער טראָק האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ הויז. פון וויטן האָט היימאַן געזען אַסאַך לאַנגע נידעריקע הייזער פון שטיין.—דאָרטן וועלן מיר מיסטאָמע אַרבעטן, האָט ער גערעדט צו לעסלין.

ערשט, עס קומט אַרויס אַ געזונטער, ריזיקער מאַן, מיט אַ לאַנגער קייט אין האַנט, און טוט אַ באַפעל:

— באַיעס שטעלט אייך אוים!

היימאַן און לעסלי האָבן גלייך געוואָלט אַנהויבן לויפן, אָבער דער ערשטער מאַן האָט אַרויסגעצויגן אַ רעוואָלווער.

— ווער עס וועט לויפן, וועט דערשאָסן ווערן אַף טויט!

— וואָס האָב איך געטאָן, וואָס האָב איך געטאָן? לאָזט מיך אַהיים פאָרן, — האָט היימאַן גענומען בעטן, ווען ער האָט געזען ווי מען טוט די אינגלעך אָן די קייטן אַף די פיס.

אַביסל שפּעטער זיינען אַלע אינגלעך געשטאַנען לעבן אַ זומפּ, געוואָרפן שופליקעס ערד און שטיינער אין זומפּ אַריין. די פיס געשמידט אין איין לאַנגער קייט — איינער צום צווייטן.

היימאַן, מיט נאָך הונדערטער אינגלעך, האָבן אַזוי געאַר־בעט דעם גאַנצן זומער אין פלאָרידע, אויסגעטריקנט זומפּן, געפלאַנצט מאַראַנצן־בוימער, פאַר מאַראַנצן־פלאַנטאַטאָרס, בלויז פאַרן עסן און שלאָפן. אַז די אינגלעך זיינען מיד געוואָרן און דאַר געוואָרן, האָט זיי דער גראָבער בייזער מאַן איין טאָג פאַררופן אין זיין אָפיס. יעדערן געגעבן צו פופציק שמיץ און אָנגעזאָגט מער ניט צו קומען קיין פלאָרידע.

און דער מאַן איז ווידער אַוועקגעפאָרן איבער פלאָרידער וועגן, כאַפּן וואַנדערנדיקע אינגלעך, צו פלאַנצן מאַראַנצן־פלאַנטאַציעס פאַר די מיליאָנערן.

די רייכע זין און די אָרימע מאַמע

(לויט אַ געוויסן טעמע)

ערגעץ אין אַ דאָרף, פון יענער זייט טייך, האָבן געוואוינט דער מילנער מיט זיינע צוויי זין. דער פאָטער פלעגט מאָלן גרויפּן אין זיין מיל, און די מאַמע פלעגט אויפשטיין גאַנץ פרי, געבן עסן די אויפעס, די קי, אויסוואַשן פון אַלעמען די גרעט, ווען די זין זיינען נאָך געלעגן אין בעט. טאַמער האָט זי גע־פונען אונטער אַ הון אַן איי, האָט זי דאָס גלייך אונטערגע־טראָגן די זין.

דאָס דאָרף איך דאָך אייך ניט זאָגן, אַז זי פלעגט זיי וואַשן, און צוואָגן. מ׳דאַרף איר פאַר דעם ניט דאַנקען, און געבן קיין געשאַנקען. האָבן זיי אַלע פיר געוואוינט אין דאָרף אין אַ שטיבל באַם ברעג פון אַ טייך.

איז, ווי דער שטייגער איז, עס דרייען זיך די ווייזערס אַפן זייגער, עס לויפן די טעג מיט די יאָרן. זיינען די זין גרויסע געוואָרן. איז זיי מיעס געוואָרן דאָס דאָרפישע לעבן. האָט זיי דער טאַטע אַן אייצע געגעבן: — פאָרט, מיינע זין, אין דער גרויסער שטאָט, וועט איר שטודירן,וועט איר וויסן ווי אַף דער וועלט זיך אויפצופירן.

האָבן די זין פאַרלאָזן דעם טאַטן מיט דער מאַמען, אוןביידע צוזאַמען אין דער גרויסער שטאָט אוועקגעפאָרן. זיינען טאַטע־מאַמע איינינקע אַליין אין שטיבעלע געבליבן. אָבער די זין האָבן זיי זייער אָפט בריוועלעך געשריבן.

זיינען ווידער אַוועק יאָרן, און יאָרן, און די זין זיינען רייך געוואָרן. זיי האָבן געהאַט צופיל געלט, צופיל צירונג

און צופיל צו עסן, האָבן זיי ביסלעכווייז, אָן זייערע אָרימע עלטערן פאַרגעסן. פלעגן די עלטערן ניט קענען איינליגן אַפן געלעגער און ווי פרימאָרגן פלעגט זאָגן „גוט-מאָרגן", זיינען זיי שוין געשטאַנען לעבן טויער, און געוואַרט אַפן בריוו-טרע־גער. קוקן דעם בריוו-טרעגער אין די הענט, און שרייבן האָבןביידע ניט געקענט.

זיינען זיי געזעסן לעבן די שויבן אָנגעשפאַרט די קעפ אָן די הענט, ניט געקענט שלאָפן און אַלץ געטראַכט, וואָס עס האָט מיט די זין געטראָפן.

איינמאָל האָט דער טאַטע זיך געלייגט שלאָפן — געשלאָפן און געשלאָפן, ביז וואַנען ער איז מער ניט אויפגעשטאַנען. איז די אַלטינקע געבליבן איינינקע אַליין, אין שטיבעלע, פון יענער זייט טייך. און די זין, לעבן זיך אין דער גרויסער שטאָט, זיי איז פריילעך, זיי זיינען רייך.

זומער, די טעג זיינען לאַנג. מ'הערט פויגל-געזאַנג, מ'זעט ווי מענטשן פאָרן פאַרביי. אָבער ווינטער, אַז עס קומען די לאַנגע נעכט, ווערט דער אַלטינקער זייער שלעכט. זי קוקט דורכן פענצטער אַרוים צום טייך, וואָס ליגט שטיל, ווייס באַשיינט. אָט דאַכט זיך, אָט-אָט, אימיצער קומט, אימיצער גייט, אָט-אָט, רירט אימיצער אָן איר טיר. אָבער קיינער קומט ניט צו איר. זי איז איינינקע אַליין.

איין טאָג האָבן זיך די רייכע זין דערמאָנט צו קומען זייער מאַמען באַזוכן. איז צו דער אַלטינקער קיינער ניט גע־ווען גלייך, אַז זי זעט אירע זין זיינען געזונט, און רייך. האָט זי שוין פאַרגעסן דעם גאַנצן פאַריבל, נאָר פרייד האָט גע־טאַנצט אין דער אַלטינקערס שטיבל. איז זיצנדיק אַזוי באַ אַ גלעזל טיי, רופט זי זיך אָן — איר ווייסט מיינע טייערע קינדער, ס'איז מיר זייער אומעטיק צו וואוינען דאָ אַליין לעבן טייך, עפשער וואָלט איר מיך גענומען צו אייך?

האָבן זיך די זין איבערגעקוקט — ווי איינער וואָלט צום

צווייטן געזאָגט: — „איך האָב ניט קיין אָרט פאַר איר — נעם זי צו דיר".

דערנאָך, האָבן אַלע דריי געשוויגן. די מאַמע איז געזעסן דעם קאָפּ אָן די הענט אָנגעשפּאַרט און אויף אַן ענטפער גע־וואַרט.

רופט זיך איין זון אָפּ: — פאַרשטייסט, ליבע מוטער, איך וואָלט זייער געוואָלט זיין אַ גוטער, אָבער, איך בין זייער רייך. מיין ווייב וועט דיך ניט ווילן, ווייל דיינע אָרימע גע־וואוינהייטן וועלן איר ניט געפעלן.

און דער צווייטער זון האָט צוגעהאָלפן: — געוויס, מו־טער, ס'איז אַ גרויסער קלאַפּאַט, דיך צו נעמען אין אונדזערע רייכע וואוינונגען אין דער גרויסער שטאָט.

האָט די מוטער געענטפערט:

— נו־נו, קינדער, זייט מיר געזונט און רייך, און איך וועל שוין ענדיקן מיינע יאָרן אַליין אָט־אַ דאָ באַם ברעג טייך.

עפּשער צוויי יאָר שפּעטער, זיינען ביידע זין געקומען צופאָרן צוזאַמען, געוואָר ווערן צו זייער מאַמען. האָבן זיי זי געטראָפן שלאָפן. אַז זיי זיינען צוגעקומען צו איר בעט, דער־הערן זיי ווי זי רעדט. (ס'ווייזט אויס, אַז עס האָט זיך איר גע־כאָלעמט ווי אַזוי מענטשן ווערן פאַרדאָרבן אין דער היינ־טיקער וועלט, אַזוי גיך ווי זיי האָבן צופיל געלט). האָט זי געמורמלט: — געלט — וועלט, — אַז די רייכע זין האָבן דערהערט ווי זייער מאַמע רעדט וועגן געלט, האָבן זיך באַ ביידן די אויערן אויפגעשטעלט. מיט די אויגן האָבן זיי גענומען זוכן, ווי ערגעץ אָפּ דער ערד וואָלט זיך געוואַלגערט געלט.

פּלוצלונג, איז זייער בליק געפאַלן אָפּ אַ גרויסן קאַסטן. פאַרשלאָסן מיט זיבן שלעסער, איינער פון צווייטן גרעסער, מיט אייזנס באַקלאַפּט. זיינען זיי צוגעלאָפן צום קאַסטן, אים באַ־קוקט, אים באַטאַפּט, און יעדערער האָט געקלערט: — אוי,

גאַטעניו, אַלעוויי זאָל מיר דער קאַסטן זיין באַשערט. זיינען ביידע ברידער געזעסן אַפן קאַסטן און געשוויגן, אָבער ביידע האָבן געפילט, אַז זיי וועלן זיך מוזן איבערן קאַסטן קריגן.

ווי די מוטער איז אויפגעשטאַנען פון שלאָפן, זיינען ביידע זין צו איר צוגעלאָפן:

— גוט-מאָרגן, גוט-מאָרגן, ליבע מוטער! — האָבן ביידע גערעדט גלייך, — ס'איז זייער אומעטיק צו וואוינען אייניקע אליין, דאָ לעבן טייך. איך וועל דיך מיט דיין קאַסטן נעמען צו זיך.

די מוטער איז געזעסן פאַרלייגט די הענט און באַלד אירע אייגענע זין ניט דערקענט.

אָבער ביידע רייכע זין האָבן איר געהאַלטן אין איין בעטן און אין איין גלעטן: — מוטער, מוטער, קום צו מיר, איך האָב אַ ווייכע בעט פאַר דיר.

— ניין, ניין, באַ מיר איז זייער וואַרעם, — האָט דער צווייטער ברודער געקוקט אַפן קאַסטן, און געהאַלטן זיין מאַמען אונטערן אָרעם.

איז וואָס זאָל איך אייך זאָגן, די צוויי ברידער האָבן זיך באַלד, איבער דער מוטער צעשלאָגן.

האָט די מאַמע דערזען, ס'איז שלעכט, ביידע זיינען גע־רעכט, רופט זי זיך אָן: — שאַט, איך האָב אַ פּלאַן פאַר אייך — קומט ביידע אַרויס צום טייך, זאָל יעדער פון אייך וואַרפן אין טייך אַ שטיין און ווער עס וועט וואַרפן ווייטער, צו יענעם וועל איך גיין.

האָבן ביידע געוואָרפן די שטיינער אין טייך, און געוואו־נען האָט דער, וואָס איז געווען זייער, זייער רייך.

זיינען גלייך געקומען זיינע דינער, מיט טייערע צוויי פערד געשפּאַנט אין אַ טייערן וואָגן, מ'האָט דעם קאַסטן פאַר־זיכטיק אַרויסגעטראָגן. די מוטער — פאַרפּוצט זייער, זייער שיין, זייער וואַרעם. דער זון האָט זי גענומען אונטערן אָרעם,

אריינגעזעצט זי אין קאַרעטע, געלאָזט וויסן זיינע דינער, האָט מען פּאַר איר אַ שיינעם מאָלצייט געמאַכט, און מיט גרויס קאַ־ וועד האָט דער רייכער זון זיין אָרימע מאַמען אין פּאַלאַץ גע־ בראַכט.

דעם קאַסטן האָט מען זייער פּאָרזיכטיק אריינגעשטעלט אין אַ באַזונדער צימער, צוגעקלאַפּט די פענצטער, די טירן, און קיינער האָט זיך צום צימער ניט געטאָרט צורירן.

צו זיין ווייב האָט דער זון געזאָגט:

— געדענק, באַהאַנדל מיין אָרימע מאַמען ווי דו וואָלסט זי האָבן זייער האָלד. זי האָט אַ קאַסטן מיט געלט און מיט גאָלד.

האָט דער אַלטער קיין זאַך ניט געפעלט. טאָמער איז די זופּ געווען צו קאַלט, אָדער צו האַרט די הון, פלעגט דער זון זיך בייזערן: — געדענק, מיין ווייב, זי וועט נאָך נעמען דעם קאַסטן און גיין צו איר צווייטן זון.

אָפטמאָל פלעגט דער זון קלערן: — וואו האָט זיין מאַ־ מע געקענט נעמען אַ קאַסטן געלט? — האָט ער אַריינגערופן צו זיך אין צימער אַ דינער, האָט אים די מייסע מיטן קאַסטן פאַרטרויט, האָט אים די מייסע דערציילט, איז יענער געזעסן און געהערט, און גלייך זיין מיינונג דערקלערט:

— ס׳איז דאָך שוין אַלטע פאַקטן און אַלטע באַגריפן, אַז רויבער פירן אום געגאַנוועט גאָלד אַף רויבער־שיפן. זיינען אוואַדע אַ שיף מיט רויבער דערטרונקען געוואָרן. איז דער קאַסטן אומגעשוואומען, איז ער צו אייער מוטערס טיר צו־ געשוואומען, האָט זי אים אַריינגענומען.

איז ווי דער שטייגער, עס דרייען זיך די ווייזערס אַפן זייגער, ביז וואַנען די מאַמע איז איינגעשלאָפן און מער ניט אויפגעשטאַנען.

זיינען זיך אַלע צוזאַמענגעלאָפן. און די זין האָבן זיך גע־ נומען קריגן. ביידע זיינען געזעסן אַפן קאַסטן און דער ערש־

טער האָט געזאָגט: — איך האָב איר געגעבן עסן. קומט מיר דער קאַסטן. — דער צווייטער האָט געענטפערט: — בײַ מיר וואָלט זי אויך ניט פּאַסטן, ווען זי קומט צו מיר מיטן קאַסטן.

אַז די קינדערלעך האָבן געוויינט נאָך דער באָבען און געווישט די אויגעלעך, האָט דער טאַטע געזאָגט: — וויינט ניט, קינדער, מיר עפענען דעם קאַסטן, קריגט איר צירונג פון גרעסטן וואונדער.

איז וואָס זאָל איך אייך דערציילן? ביידע זין האָבן זיך באַלד צעשלאָגן. ביז איינער פון זיי האָט געזאָגט אַזוי: — לאָמיר רופן דעם רייכסטן פון שטאָט, מיר ווען אים אַלץ דערציילן, און זאָל ער אונדז דעם אויצער צעטיילן.

האָט מען דעם רייכסטן פון שטאָט געבראַכט, האָט ער דעם קאַסטן באַטראַכט. דעם קאַסטן באַטאַפּט, ווי אַזוי ער איז פאַרשלאָסן און אַרומגעקלאַפּט. אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און רופט זיך אָפּ:

— איך האָב אייך ביידן זייער האָלד. נאָר אַז איינער האָט איר געגעבן עסן — קומט דעם צווייטן די זילבער, און אים די גאָלד.

האָט מען דעם קאַסטן געשרויפט, געשלאָסן און געבראָכן. און אַרום קאַסטן זיינען געשטאַנען די זין, און די שניר. און די אויגן בײַ זיי זיינען געווען שפּיציק, און די אויערן לאַנג, און די הערצער האָבן געקלאַפּט בײַ אַלע פיר.

ביזקל — ביזקל-וואַנען.

היפּ קליפּ — דער דעק איז שוין צעבראָכן.

און וואָס איז אינעווייניק געווען? האָט איר געדאַרפט זען, אייזערנע טעפּלעך, אייזערנע פאַנען. האָבן אַלע פיר — די זין און די שניר — אויסגעשריען: אָפּגענאַרט. אומזיסט גע־וואַרט.

די טופלעלעך

ווי נאָר מינקע האָט די טיר געעפנט, האָט זי פרייליך אויסגערופן:

— טאַטע, מאַמע, מאָרגן טאַנץ איך אין סקול!

— טאַנץ, ווער לאָזט דיך ניט, האָט איר מאַמע געזאָגט.

— איך מוז אָבער האָבן גרינגע טופלעלעך, — האָט מינקע זיך באַקלאָגט פאַר איר מאַמען, ווייזנדיק אירע צעריסענע, גראָבע שיך.

— זאָג דיין טיטשערן, זי זאָל דיך לאָזן טאַנצן באָר־וועס, — האָט מינקעס טאַטע געקלאַפּט טשוועקלעך אין אַ פּאָר שיך און אַריבערגעקוקט איבער זיינע ברילן.

— דאָ, אין אַמעריקע, טאַנצט מען ניט באָרוועס, — האָט מינקע אָביסעלע ברויגעז אויסגעשריען צו איר טאַטן.

באַנאַכט, אַז מינקע איז שוין געלעגן אין בעט, האָט זי געהערט איר טאַטע־מאַמע ריידן. איר טאַטע האָט געזאָגט: — מ׳טאָר ניט אַנטלייען יענעמס טופלעלעך. — די מאַמע האָט געזאָגט: — מ׳וועט זיי אָפּפּוצן און צוריק אַוועקשטעלן. — און דער טאַטע האָט געטיינעט: — ניין און ניין. — האָט מינקע געהערט און געהערט ביז זי איז איינגעשלאָפן.

כאָלעמט זיך איר, אַז זי האָט שוין שוואַרצע לאַקירטע שי־כעלעך. זי טאַנצט און זיי גלאַנצן אַזוי ווי שוואַרצער פליוש. איר טאַטע זיצט אויך אין סקול און זי: היפּ־האָפּ, היפּ־האָפּ! אין אירע נייע טופלעלעך. ערשט זי כאַפּט זיך אויף, לעבן איר בעט שטייען טאַקע אַ פּאָר שוואַרצע טופלעלעך! — טופלעלעך, שליפּערס! — האָט מינקע גענומען פּאַטשן מיט די הענט — וואו האָסטו גענומען געלט? זאָג, מאַמע!

— איך וועל דיר דערציילן, אז דו וועסט צוריקקומען, — זע, אָקאָרשט, ניט אָפּצורייבן די שליפּערס, — האָט מינקעס טאַטע מינקען אָנגעזאָגט זייער שטרענג און געקוקט אַף זיין ווייב...

מינקע האָט אָנגעטאָן איר ראָזעווע קליידעלע, וואָס איר מאַמע האָט עס אויפגענייט פון איר עלטערער שוועסטערס אַ קלייד, איינגעפלאָכטן אַ ראָזעווען באַנד אין די שוואַרצע לאָקן, און מינקע האָט געבעטן דער מאַמען מיטגיין מיט איר אין סקול. די מאַמע האָט אָנגעטאָן אַ ריין קלייד און אַוועק מיט מינקען אין סקול, זען ווי זי וועט טאַנצן און טאַקע היטן די נייע טופלעלעך.

נאָכדעם, ווי עטלעכע קינדער האָבן אָפּגעשפּילט און אָפּגעזונגען, האָט מען אויסגערופן מינקעס נאָמען. באַ מינקען האָט דאָס האַרץ זייער געקלאַפּט און אָט איז זי שוין אַף דער בינע. אין איר ראָזעווע קליידל מיט אירע נייע לאַקירטע טופלעלעך האָט מינקע אויסגעזען שענער פון די לעמפּעלעך, וואָס האָבן געפינקלט אַף דער בינע דורך ראָזעווען פּאַפּיר. און מינקע שפּרינגט און טאַנצט ווי אַ פלעדערמויז. אַלע קלאַפּן. אָבער מינקען ווייזט זיך אויס, אַז דאָס קלאַפּן זיי פאַר אירע נייע טופלעלעך.

איר מאַמע איז געזעסן אין אַ ווינקל, געקוקט אַף איר מיידעלע, ווי שיין זי איז, אָבער געטראַכט האָט זי וועגן די טופלעלעך וואָס מינקע זאָל ניט אָפּרייבן.

פּלוצלונג לויפט אַ גראָבע מיידעלע אַרויף אַף דער בינע און שרייט אויס:

— העי, יו! „מיני שומייקער” ווי קומען צו דיר מיינע טופלעלעך? איך האָב זיי נעכטן אַריינגעבראַכט צו דיין טאַטן אַרויפלייגן גומענע קנאַפּלען. גיב זיי מיר אָפּ! דאָס זיינען מיינע שליפּערס!

מינקע איז געבליבן שטיין זייער פאַרשעמט: — דיינע

גאָר? — האָט זי געפרעגט און געוואָלט וויינען, קוקנדיק אַף די טופּלעלעך. איר טאַטע איז דאָך אַ „שומייקער", איז פאַרוואָס זאָל זי ניט האָבן קיין טופּלעלעך? — האָט די סקול־לערערן געפרעגט. אין זאָל איז געוואָרן אַ טומל. אַסאַך קינדער האָבן געלאַכט און מינקע האָט זיך אַראָפּגעזעצט אַף דער ערד, אויסגעטאָן די טופּלעלעך, דערלאַנגט זיי דער גראָבער מיידעלע, אַהיימגעלאָפן אין זאָקן.

באַנאַכט האָט מינקע געטיינעט: — זי גייט ניט, און זי גייט ניט, און זי גייט ניט מאָרגן אין סקול!

און די מאַמע האָט געזאָגט: — אַלע שוסטער גייען באָרוועס. — און דער טאַטע האָט געזאָגט: — איך האָב געזאָגט, אַז מ׳דאַרף ניט לייען יענעמס שליפּערס.

האָט מינקע געוויינט.

נאָר מינקעס גרויסע שוועסטער האָט מינקען פאַרגעלייענט פון אַ ביכעלע, פאַרוואָס שוסטער מאַכן שיך און זייערע קינדער גייען באָרוועס.

אינהאַלט:

פון פרילינג ביז ווינטער

גוטפרילינג 7
אַפן גרינעם גראָז 8
זומער־לעב 9
בלומען־טאַנץ 10
אַ גאָרטן 10
אין אַ ווייסער נאַכט 11
דו טרעפּסט ניט 13
פאַרביי מיין פענצטער 14
אינדיאַנער זומער 15
אונטער די בלעטער 16

לאָמיר זיך שפּילן

לאָמיר זיך שפּילן 19
דער לעץ — מיט די קעץ 20
מיכל און זיין ביכל 21
מאָטל דער פוילער 22
צעבראָכן די ליאַלקע 23
טילקע די נייטאָרן 24
ער וויל ניט שלאָפן 25
קעצל און הינטל 26

אַרבעטער־קינדער

צום ערשטן מאַי 29
אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן 30
די קליינע שפּייזערן און איר טאַטע 31
לענינס בילד 32
לעקטאָר 33
אונדזערע שכיינים און אונדזער שוועל 34
אַ מילכאָמע־מאַמע 36
מיין קונקי איז ברויגעז 37
אָן אַ קרש 38
זיין מיידעלע 39

איך וועל אייך, קינדערלעך, דערציילן 40
איך האָב געהונגערט און געשוויגן 41
צו אַ נאָדל 42
אייזיק שלאָגלער 42
די רויטע פליער 43

ווינטער

שניי אַף פעלדער 47
אַ שנייאיקע מילכאָמע 48
שנייעלעך און טרערן 49
אַ טומל אַפן גליטש 50
אַפן באַרג 51

באַלאַדן

קינדער, קומט צו מיר 54
פייער־פליגן 55
באַשע און דער צאַר 59
דער שטומאַק 63

מייסעס

אַ פלעשל מילך פאַר וויוויען 71
באַרני און שינג־לי באַקענען זיך דורך לענינס בילד 74
דער פויגל וואָס האָט געזוכט קאָוועד 78
דער גאַלעך 81
„מיד", אָדער „מעד" 84
די צוויי באַווײַרימלעך און דער סקעב־טאַטע 86
אַ מייסע פון אַ קאַרגן אינגל מיט זיין שליטעלע 89
האַרבסט־מייסעלעך 93
אינגעלעך, באַרימערלעך 96
מאָטל מיט זיין פלעדערמויז 100
דאָס ערשטע מאָל אין סקול 103
לייזערקע און דער ערשטער מאַי 106
אַ מייסע, ווי אַזוי אַ קאַטשקע איז געבליבן מיט אַ נאָז 111
טשעין־גענג 114
די רייכע זין און די אָרימע מאַמע 118
די טופלעלעך 124